Heb. Eg. 246

פרייז 30 קאפ.

פערלאג „קונסט" ווארשא.

# דאס יודישע הערץ

א קאמישע אפערעטע אין 4 אקטען
און 7 בילדער.

פאן י. לאטיינער.

ווארשא, תרע"א.
דרוק „הצפירה". פיינסקא 40.

# יודישע אויסגאַבען פֿון פֿערלאַג „קונסט" ווארשא.

ק׳ ר׳

דער עוויגער יוד. ראָמאַן אין 6 טהייל, פֿון אייזשען סיו (פֿערפֿאַסער פֿון מסתרי פּאַריז). 432 זייטען 1

קעניג ליר. ערצעהלונג נאָך שעקספּיר 15

שיילאָק, דער קויפמאַן פֿון ווענעדיג. ערצעהלונג נאָך שעקספּיר 10

די גאָלד-מאַכער. אַן אמת'ע אינטערעסאַנטע געשיכטע בעאַרבייט נאָך היינריך טשאָקקע 15

זייט געזונד. זעהר נוציגע וויסענשאַפֿטליכע ביכער פֿאַר יעדען הויז ווי אַזוי אויסצומיידען פֿערשידענע קראַנקהייטען און אויך זעלבסט היילען, מיט פיעל בילדער, פֿון ד"ר מ. גאָטליעב, 3-טע פֿערבעסערטע אויפֿלאַגע, 5 טהייל:

1) די ערשטע הילף ביז דער דאָקטאָר קומט 30

2) סוכאָטע (שווינדזוכט) 25

3) מאָגען און געדערם-קראַנקהייט 40

4) מענער-קראַנקהייט (סעקרעטנע, ווענערישע) 40

5) נערווען-קראַנקהייט 15

פּאַריז. אַ ראָמאַן פֿון עמיל זאָלאַ, 288 זייטען 75

**Еврейская Женщина.** На гиды реми (Руѳи Лацарусъ) Съ предисловіемъ проф. М. Лацарусъ. съ порт. автора и біограф. очеркомъ. 1

ליבּרעטאָ. אַ זאַמעלבוך פֿון קאָפּלעטען און דעקלאַמאַציאָנען פֿיר גראַמאָפֿאָנען, 2 טהייל. פּרייז פֿון 1-טען טהייל איבער 10 דרוק-בויגען 60

פּרייז פֿון 2-טען טהייל איבער 13 דרוק-בויגען 80

5 סעריעס טעאַטער-ליעדער. יעדע סעריע ענטהאַלט ביז 10 פֿערשיעדענע פֿאָלקס און טעאַטער ליעדער. פּרייז פֿון יעדעס בעזונדער 8

גראַמאָפֿאָנען און פֿאָלקס-ליעדער. 18 פֿאָלקס-ליעדער 8

משוגע'נער אין שפּיטאָל. אַ דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט, בעאַרבייט דורך נ. דראַנאָוו 5

אפאריזמען-זאַמעלבוך. אויסגעוועהלטע געדאַנקען פֿון בעריהמטע שריפֿטשטעלער פֿון אַלע פֿעלקער און צייטען 3 טהייל, געקליבען דורך ה׳ אינגעלבערג 25

פערלאג „קונסט" ווארשא.

# דאס יודישע הערץ

א קאמישע אפערעטע אין 4 אקטען
און 7 בילדער.

פאן י. לאטיינער.

ווארשא, תרע"א.

דרוק „הצפירה", פאנסקא 40.

---

**ДАСЪ ЮДИШЕ ГЕРЦЪ**

т. е. **Еврейское Сердце**.

Комич. оперетка въ 4 актахъ.

Изд. „*Кунстъ*",
ВАРШАВА 1910.
Въ Типографіи „Гацефира", Панская 40.

# פּערזאָנען:

---

למך — אַקרעָטשמעָר
סערקעלע — זײַן צווײַטע פֿרוי
דינהלע — זײַן טאָכטעָר פֿון דער ערשטעָר פֿרוי
יעקב שטערען — אַמאָלעָר איהר חתן
ראָזאַ — סערקעלעס טאָכטעָר פֿון ערשטען מאַן
הערמאַן — ראָזעס מאַן, יעקב׳ס פֿרײַנד
פֿעטער משה — פֿון ביטשוטש סערקעלעס ברודעָר
פּאַולא פּאָפּעסקאַ — אַ רײַכע באָיאַרין
וויקטאָר
לידאַ } — איהרע קינדעָר

קאָמיסאַר, דינעָר.

(אָרט דער האַנדלונג דומעניען).

---

# ערשטער אקט.

אַגאָרטען, בענק, טישלעך, פֿערשידענע אויסריכטונגען, דער אַרײַנגאַנג צו דער קרעטשמע לינקס פֿון פּובליקום. פּויערען, פּויערטעס, זיצען בײַ די טישלעך, טרינקען און זינגען זעהר פֿרעהליך.

---

**כאָהר** (זינגט):

זינגען טאַנצען זיך אַמוזירען נאָך בעסער קאָן גאָר ניט זײַן.
דאַן קאָן מען זיך גוט פֿיהלען — נאָך אַ היבש ביסעלע ווײַן.
נון זאָלען וויר ניט קלערען פֿיל—נור טרינקען אַלע אָהן אויפֿהער.

אַ יעדער בײַ זיך אין דער שטיל — זאָל מאַכען זײַן פֿלאַש לעער.

נו, נו, טרינקט, טרינקט, גאָר אָהן אויפֿהער, נו, טרינקט־זשע טרינקט.

נו, נו, זינגט, זינגט, נאָר וואָס מעהר פֿרעהליך זאָלען מיר נאָר זײַן.

קײנע זאָרגען ניט דערמאָהנען, נאָר טרינקען יעצט פֿרעה־ליך מונטער ביז צו לעצט.

**מענער**: נו, נו, קינדער, שטעהט ניט אַצונד.

**פֿרויען**: מיר טרינקען אַלע פֿאַר אַלעמענס געזונד.

**אַנדערע**: און אָן אונז פֿערגעסט ניט אַצונד. מיר טרינ־קען אויך פֿאַר אײַער געזונד.

פֿינאַל, טאַנצען, א. ב.

## אויפטריט למך.

למך: געלויבט איז השי"ת! איך האב היינט א טייערע זונטאג. שוין לאנג ניט געהאט אזא שפע. אבער מיעד בין איך ווי א פערד להבדיל. (הינטער די קוליסען).

לידא: מוטער, היער קאנען מיר אמוועניגסטענס אויסרוהען. (שפרינגט אויף).

למך: אה, שפאגעל נייע פנים'ער, זיי ווייזען אויס ווי פריצים, ווי קומען צו מיר אזעלכע געסט? נישט אנדערש נאר זיי זענען פערבלאנדזשעט געווארען. בקיצור, זאל זיין פון א קאזאק אבי צום לעבען. (בלייבט פון וויטען ווי מיט מורא).

## אויפטריט וויקטאר.

וויקטאר: וואס ווילסטו, יודע?

למך (שמייכעלט מיט שרעק): וואס איך וויל? פערקעהרט, איך וויל דאך אייך פרעגען וואס איהר ווילט?

וויקטאר: מארש הינאויס, יודע!

למך: אבער איך בין אליין פון דאנען דער...

וויקטאר: יודע! ביזטו טויב? פאק דיך הינאויס פון היער!

למך: (אפארט): אזוי פיעל חוצפה קאן טאקי נאר האבען א שייגעץ פון מאמעליגא-לאנד. הערט, איך בעט אייך, ער קומט צו מיר צו גאסט און ווארפט מיך ארויס.

וויקטאר: הינאויס, האבע איך געזאגט, יודע. (שלאגט איהם מיט דער בייטש).

למך: אוי שלעכט!

לידא: וויקטאר, די מיטער איז דאך דורשטיג.

וויקטאר: קעלנער.

למך: הא?

וויקטאר: ווא איז דער קעלנער?

למך: אויף קיין קעלנער טראגט מיר ניט דער משא מתן' און איך אליין בעדיען מיינע געסט!

ווִיקטאָר: זיִ זיִנד אַלזאָ...

למך: דער בעל־הבית אַליין. רבש"ע אַוודאַי בּיִן איִך אַליין דער וויִרט.

וויִקטאָר: חאַ, חאַ, חאַ, מוטער, שוועסטער! זעהט נאָר דעם וויִרט פון דאַנען פו., טייַפעל! דאָס איִז דאָך איִין יודיִשעס לאָקאַל, קוּמט וועק פון היִער.

ליִדאַ: יודיִש, אָדער טערקיִש, דיִ מוטער איִז דורשטיִג. קעלנער געבּען זיי אונז איינע ליִמאָנאַדע אָדער צוויי... געבּען זיי אונז צוויי ליִמאָנאַד, און פרעגען זיי מיין בּרודער וואָס ער וויל?

וויִקטאָר: נו, וואָס וויִנשטע יודע?

למך: עס זאל דיִר נאָר אָנגעהן, וואָס איִך וויִנש דיִר, נאַ דיִר פּלוציִם אַזאַ שפּע. אוי שלעכט! (אָב).

ליִדאַ: וויִקטאָר, פאַרוואָס פערשאַפּסטו אונזער מוטער אַזוי פיִעל שמערצען.

וויִקטאָר: איִך? וואָמיִט?

ליִדאַ: דו מיינסט, אַז מיִר האָבּען ניִט געזעהן, ווי דו האָסט דעם אָריִמען מענשען געשלאָגען?

וויִקטאָר: בּלויז צום שפּאַס!

ליִדאַ: איינעם מענשען וועה צו טהון איִז בּיי דיִר נאָר אַ שפּאַס.

וויִקטאָר: אָבּער ער איִז דאָך בּלויז אַ יודע! (ער וויל אָבּגעהן).

## אויפטריט למך.

מיִט ליִמאָנאַדע, וויקטאָר שלאָגט איִהם אַרוים פון דער האַנד. (אָב).

למך (בּלייבּט פערצווייפעלט): אוי שלעכט!

ליִדאַ: זאָרגט אייך ניִט, גוטער מענש, איִהר קריִגט פאַר אַלעם בּעצאָהלט.

למך: דיִ 2 נקבות געפעלען מיִר שוין בּעסער (אָב).

ליִדאַ: מוטער! דו ווייסט וואַרום אונזער וויִקטאָר איִז אַזוי בּעז אויף יודען דיִ לעצטע צייט?

פאָפּעסקאַ: פאַרוואָס, מיין קיִנד?

לִידאַ: ווײַל צווישען אַלע סטודענטען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, וואָס עס איז מיאוס דורכגעפאַלען, דאָס איז אונזער וויקטאָר. און אויפגענומען געוואָרען איז דאָס בילד אַמבעסטען פון דעם יודען יעקב שטערען.

## אויפטריט למך. (מיט לימאָנאַדע).

למך: ווי קומט זי צו דערמאָהנען מײַן יענקעלעס נאָמען? (טראָגט צו).

לִידאַ: הערר ווירט, היער האָבען זיי פאַר די לימאָנאַדע. קאָרעקט?

למך: אַ שענעם דאַנק! (אַפאַרט). אַגאַנץ נישקשה'דיג שיקסעל, זי איז שוין דוקא ניט שלעכט (אָב).

פּאָפּעסקאַ: מײַן קינד, עהרצעהלע מיר וועגען דאָס בילד וואָס דו האָסט געזעהן.

לִידאַ: יאַ! איך בין געוועזען אין דער אַקאַדעמיע אויף דער אויסשטעלונג, אָה, עס איז וואונדערבאַר, אַלע בעזוכער האָבען בעוואונדערט דאָס בילד.

פּאָפּעסקאַ: וואָס שטעלט דען דאָס בילד פאָר?

לִידאַ: שטעל דיר פאָר, מוטער, אײַן צימער, אין צימער אַ וויעגעלע, אין וויעגעלע ליעגט אַ קינד, און אַ יונגע פרוי, ווי עס ווײַזט אויס די מוטער פון דעם קינד צו זײַן, געזעגענט זיך מיט דעם קינד. דאָס קינד שטרעקט אויס די הענטלעך גלײַך ווי עס וואָלט געבעטען מיט ווערטער: מוטער נעהם מיך מיט. די מוטער אָבער טהוט דאָס ניט, דען ווי עס ווײַזט אויס האָט די מוטער ניט ליעב דאָס קינד, ווײַל זי לאָזט עס איבער. דען אין דער הינטערגרונד זעהט מען האַלב אָפען די טהיר און עס וואַרט אײַן עלעגאַנטער יונגער קאַוואַליער, אויף וועמענס געזיכט בעמערקט מען, אַז ער איז אונגעדולדיג, און ווי עס שײַנט וואַרט ער אויף איהר זי זאָל מיט איהם געהן. דאָס בילד הײַסט „די זינדיגע מוטער". מען לויבט זעהר שטאַרק דעם קינסטלער. איך האָב אויך בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט דעם קינסטלער. מוטער, ער איז אַ יועל-

טענער מענש. (אין דער צייט קומט אן יעקב און וויל געהן אין קרעטשמע).
מוטער, דאס איז ער. הערר שטערען, אזוי פערטיעפט אין געדאנקען?
ענטשולדיגט?

יעקב (בעמערקט): גוטען טאג, פריילין פאפעסקא!

לידא: ערלויבט מיר אייך פארצושטעלען מיינע מוטער. איך האב מיינע מוטער ערצעהלט פון אייערע וואונדערבארעם בילד און זי איז זעהר נייגיעריג אייך קענען צו לערנען. מיינע מוטער, הערר שטערען. (בעגריסען זיך).

יעקב: זעהר אנגעהנעם.

פאפעסקא: וואלט איהר אונז געזעלשאפט לייסטען, הערר שטערען?

יעקב: דאנקע.

פאפעסקא (קוקט די גאנצע צייט אויף איהם פארשענד): מיינע טאכטער איזט זא בעגייסטערט פון אייער בילד, דאס זי האט מיך ווירקליך נייגיעריג געמאכט. ענטשולדיגט, הערר שטערען, ווי קומט איהר פלוצלונג צו זא איינער אידעע, גראדע זא איין בילד צו שאפען?

שטערען: ווייל דאס איז איינע וואהרע בעגעבענהייט, מאדאם פאפעסקא, נאך אלס קינד פלעגט מיין גאטזעליגער פאטער זעהר אפט דערפון רעדען.

פאפעסקא (אונבעטראכט): אייער פאטער פלעגט דערפון רעדען, האט עס איהם אליין פאסירט?

יעקב: אה, בעהיטע! ניט מיינעם פאטער, נאר איין פריינד פאן איהם. אבער וואהרשיינליך איז יענער אונגליקליכער געוועזען מיין פאטערס בעסטער און אינטימסטער פריינד, דען יעדעס מאל ווען מיין פאטער פלעגט דאפאן רעדען האבען זיך געגאסען טרעהרען פון זיינע אויגען. און ער פלעגט דאביי אויפציטערן גראדע ווי עס וואלט איהם אליין פאסירט, דארום האט עס זיך אזוי טיעף איינגעפרעגט אין מיין געדעכטניס, דאס יעצט אלס מאלער האב איך די גאנצע בעגעבענהייט אזוי פארגעשטעלט אין מיין בילד.

פאפעסקא (פרייזיג): און יענער פריינד, און דאס פער-

לאַסענע קינד און דעם קינדס מוטער איז אייך ניט בעקאַנט ווער זיי זענען, און אויב זיי לעבען נאָך?

י ע ק ב: ניין, מאַדאַם פּאָפּעסקאַ, מיין פאָטער האָט ניע אירגענד וועלכען נאָמען ערוואַהנט, דאַרום ווייס איך ניט ווער זיי זענען, און אויב אירגענד ווער פון זיי לעבט... (זי פאַלט אין אונמאַכט ער שפּרינגט אויף בעזאָרגט):

י ע ק ב: מאַדאַם פּאָפּעסקאַ שיינט אונוואָהל צו זיין.

ל י ד אַ: מוטער, וואָס איז דיר? אייער ערצעהלונג האָט איהר זעהר אָנגעגריפען. אזוי עדעל, אזוי בראַוו איז מיינע מוטער.

י ע ק ב: איין אויגענבליק. וואָלען זי געפעליגסט אָננעהמען די זעלבע פּאָזיציאָן ווי צו פאָר. וועלכעס הערליכעס בילד, (נעהמט פּאַפּיר).

ל י ד אַ: הערר שטערען, וואָס ווילט איהר טהון? איהר געהט אונז מאָלען?

י ע ק ב: ענטשולדיגט, מיינע דאַמען, עס איז פילייכט איינע פרעכהייט פון מיר, אָבער אַלס קינסטלער בין איך פון דעם בילד זאָ בעצויבערט. דאָס איך מעכטע נור פון אייך איינע סקיצע מאַכען, די אורזאַכע דאַפאָן וועל איך אייך באַלד ערקלערען. זייט איך בין פערטיג געוואָרען מיט דעם בילד פון איין זינדיגער מוטער וועלכעס איז יעצט אויף דער אויסשטעלונג אין דער אַקאַדעמיע, טראָג איך מיר אַרום מיט דעם געדאַנק צו מאַלען איין אַנדער בילד, גראַדע דאָס געגענטהייל, נעהמליך, איין בילד פון איינער צערטליכען מוטער, וועלכע איז איהר קינד איין שוץ-ענגעל.

## אויפטריט וויקטאָר.

וויקטאָר: גראַדע ווי איך וואָלט געוואוסט, אַז איך וועל אייך נאָך דאָ געפינען.

י ע ק ב: סערוואָס. קאָלעגע!

וויקטאָר: איין יודע איז ניט מיין קאָלעגע.

פּ אָ פּ ע ס ק אַ: וויקטאָר! הערר שטערען! איך ביטע אייך אום ענטשולדיגונג פאַר מיין אונערצויגענעם זאָהן. (ער קושט איהר האַנד).

ווִיקטאָר: יודע! ווי וואַגסטו מיִט דײַנע ליִפּען צו בעריִהרען דיִ האַנד פֿון מײַנער מוטער?

ליִדאַ: וויִקטאָר:

ווִיקטאָר: ווען אָבער דו ווילסט דורכאויס אין בעריִהרונג קומען מיִט אײַנער באָיאַרין-האַנד, זאָ זאָלסטו מײַן קריִסטליִכע האַנד פּיִהלען אויף דײַן יודיִשער באַק. (וויל איִהם פּאַטשען).

יעקב: העֶרר פּאָפּעסקאַ! איִך וויִל אײַך נאָר דאַרויף אויפֿמערקזאַם מאַכען, דאָס פֿאַר אײַך שטעהט אײַן מאַן נישט קײַן פּײַגליִנג, און ווען איִהר בעקומט ניִט יעצט פֿון מיִר אײַן זאָלכען אַנטוואָרט ווי איִהר פֿערדיִענט איִז דאָס נאָר אויס רעספּעקט פֿאַר דיִעזע דאַמע, וועלכע אײַערע ליִפּען רופֿען מוטער, אָבער זאָגען מוז איִך אײַך, דאָס איִן אײַערעם הערצען פֿעהלט יעדעם געפֿיִהל פֿון אַכטונג וואָס אײַן קיִנד איִז שולדיִג זײַן מוטער.

ווִיקטאָר: יודע! ביִזט נאָך מיִט מיִר ניִט פֿערטיִג, מיִר וועלען זיִך נאָך בעגעגנען. (אָב).

פּאָפּעסקאַ: איִהר געהט שוין, העֶרר שטערען? ווילט איִהר ניִט פֿאַרטזעצען? אַכטעט ניִט מײַן זאָהנס בענעהמונג און זעצען זיִ פֿאָרט.

יעקב: איִך בין צוואַר ניִט אויפֿגעלעגט נאָך דיִעזעם פֿאָרפֿאַל, דאָך איִז דאָס ביִלד זאָ העֶרליִך, דאָס איִך קאָן מיִך ניִט וועקרײַסען. אַלזאָ גוט, זעצען וויר פֿאָרט, זיִצען זיִ נור גאַנץ-רוהיִג. (מאַלט, זיִנגט זיִך אונטער).

פּאָפּעסקאַ: ערלויבט, העֶרר שטערען, וואָס איִז דאָס אײַגענטליִך פֿאַר אײַן ליִעד, וואָס איִהר זיִנגט יעצט?

יעקב: דאָס, מאַדאַם פּאָפּעסקאַ, איִז מײַן וויִעגען-ליִעד, מיִט וועלכען מײַנע מוטער פֿלעגט מיִך אײַנשלעפֿערן לויט מײַן פֿאָטער האָט מיִר ערצעהלט.

פּאָפּעסקאַ: לעבט אײַער מוטער ניִט מעהר?

יעקב: נײַן.

פּאָפּעסקאַ: און אײַער פֿאָטער?

יעקב: אָריִמער פֿאָטער! ווי גרענצלאָז האָט זײַן ליִעבע געמוזט זײַן צו זײַן פֿרוי, מײַנער מוטער! דען נאָך איִהר טוידט

האָט ער בײַ מיר מוטער שטעלע פֿערטרעטען און מיך אימער מיט דעם וויגע־ליעד אײַנגעשלעפֿערט.

פּ אָ פּ ע ס ק אַ: ווי עס שײַנט האָט אײַער פֿאָטער נאָך אײַער מוטער זעהר לאַנג געטרויערט.

י ע ק ב: אויב ער האָט געטרויערט? מאַדאַם, ניע אין מײַן לעבען װעל איך פֿערגעסען, ווי איך האָב איהם געטראָפֿען זיצען אין איהר געוועזענעם שלאָף־צימער. זײַנע ציטערענדע הענד אויסגעשטרעקט אין די לעערע לופֿט און אויס זײַנעם הערצען האָבען זיך אויסגעריסען ווערטער, ווערטער, וועלכֿע האָבען מיך געמאַכֿט שוידערן, ווערטער, וועלכֿע האָבען מיך געמאַכֿט גלויבען, אַז מײַן פֿאָטער איז גײַסטעס געשטערט. פֿאַרוואָס האָסטו דאָס מיר געטהון? האָב איך איהם געהערט יעמערליך קלאָגען. פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ ביטערע שטראַפֿע? בין איך דיר גלײַכֿגילטיג געוועזען, אָדער דײַן קינד? „מוטער“, שלוכֿצענד האָב איך מיך אַ וואָרף געטהון אויף זײַן ברוסט: פֿאָטער! צו וועמען רעדסטו? וועמען מאַכֿסטו פֿאָרוואורפֿע? מײַנע מוטער איזט דאָך שוין לאַנג טויד, דאַן האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט מיט בײַדע הענד, מיך ווילד און שטורמיש צוגעדריקט צו זײַן ברענענדען קלאַפּענדען האַרצען, מיך גענומען אויף זײַן שויס, מיך געקושט און געוויעגט און מיר דאָס טרויעריגע ליעד געזונגען. און וועהרענד שטראָמען פֿון הײַסע טרעהרען זענען פֿון זײַנע ברענענדע אויגען איבער מײַנע וואַנגען געפֿלאָסען, פֿלעגט ער שלוכֿצענד אויסשרײַען: קינד! ווען איך האָב מײַן ליעבענדע פֿרוי פֿערלוירען, לאָז מיר אין דיר וועניגסטענס אײַן טרײַסט פֿינדען, אָבער ווי עס שײַנט, האָב איך איהם נישט געקאָנט אין גאַנצען ערזעצען זײַן גרויסען ביטערן פֿערלוסט. דען ווען איך בין קוים 10 יאָהר אַלט געוואָרען, האָב איך קײַן פֿאָטער אויך ניט מעהר געהאַט.

פּ אָ פּ ע ס ק אַ: אײַער ערצעהלונג האָט מיך זאָ הינגעריסען, אַז איהר האָט מיך נײַגיעריג געמאַכֿט. ווילט איהר מיר דאָס גאַנצע ליעד פֿאָרזינגען?

י ע ק ב: מיט פֿערגניגען, מאַדאַם. זינגט:

שלאָף, מײַן קינד, ליו, ליו, שלאָף געזונד,

בּיזט ווי א מלאך ריין פון זינד,
און איך דיין מוטער וועל וויעגען דיך,
שלאף, מיין קינד, שלאף געזונד.
ווען דו וועסט גרויס ווערען
און איך וועל שוין ניט זיין,
שענק אויך דיינער מוטער דיינע טרעהרען,
דאס וועט מיך בעלעבען,
מיט שטראהלענדעם שיין,
דאס וועט מיר זיסע רוהע געבען,
שלאף, מיין קינד, ליו, ליו...
עביג געדענקען זאלסטו דיין מוטערס ליעד.
ווען גאט וועט דיר דאס לעבען שענקען,
האף און ווער ניט מיעד.
אך, מיין טייער קינד, ווען איך וועל שוין דא ניט זיין,
פערגעס אויך דאן ניט אן מיר,
ליו, ליו, ליו, שלאף איין.

(פאפעסקא פאלט איין אנמאכט).

אב אין הויז אלע דריי.

## אויפטריט סערקע.

שרייענד פון קעלער

סערקע: למך! וואו ביזטו ערגעץ? למך!
למך (פון דרויסען): איך קום שוין, סערקעלע!
סערקע: וואס טהוסטו?
למך: איך געה צומאכען דעם קעלער!
סערקע: שוין?
למך: שוין, נאך אלעמען. שוין נאך דער שפע. (וויל געהן)
סערקע: למך! איך האב מיט דיר עפעס צו רעדען.
למך: אין דעם קעלער, סערקעלע?
סערקע: געה זשע מאך צו און קום באלד צוריק, למך, —
שיק מיר דערווייל ארויס אונזער טאכטער!

למך: ווער׳מען?

סערקע: ביזט טויב? אונזער טאָכטער שיק מיר ארויס.

למך: אָבער, סערקעלע, גאָט איז מיט דיר, חלומ׳סטו דען? אונזער טאָכטער זאָגסטו? פון ווען? פון וואַנען?

סערקע: יודישע קינדער! מיין מאַן איז משוגע געוואָרען אָדער זיך גלאַט אָנגעשכור׳ט, שיק מיר ארויס אונזער טאָכטער, זאָג איך, נו?

למך: אָבער, סערקעלע, צו וואָס טויג דאָס שרייען, אז מיר קאָנען זיך אויסטענה׳ן שטילערהייד, גערענקסטו, סערקעלע, ווען מיר האָבען ביידע חתונה געהאַט, האָסטו דיר מיטגעבראַכט דיין טאָכטער. און איך האָב מיר מיטגעבראַכט מיין טאָכטער. אָבער אונזער טאָכטער? חאַ, חאַ, חאַ, אונזער טאָכטער איז נאָך דערוויַיל אין הימעל, איך ווייס? אפשר וועט אונזער טאָכטער נאָך אַמאָל געבוירען ווערען, כ׳לעבען קיין זקנים זענען מיר ניט, דערוויַיל איז זי נאָך ניטאָ, און אז זי איז ניטאָ ווי־זשע קאָן איך זי דיר ארויסשיקען?

סערקע: אַ וועהטאָג דיר אין פּיסק אריין מיט דיינע חכמה׳לעך.

למך: אוי שלעכט!

סערקע: דו מיינסט, אז איך פערשטעה ניט דיינע שטעכ־ווערטלעך? גיעבסט מיר דערמיט אָנצוהערען, אז איך בין צו דיין טאָכטער אַ פרעמדע ניט מעהר ווי אַ שטיף־מאַמע, אָבער דיר אויף צוּוּעצעניש וועל איך דיר נאָך היינטיגען טאָג בעווייזען, אז איך זאָרג מיך פאַר דיין טאָכטער, פונקט אַזוי גוט ווי פאַר מיין טאָכטער.

למך (אַ זיפץ): מיין טאָכטער, דיין טאָכטער, למך, עפען דיר גוט די אויגען, דאָס איז עפּעס ניט קיין גוטער סימן. סערקעלע וויל פּלוצים ווערען אַ מאַמע צו דיין טאָכטער, אוי שלעכט! (אָב).

סערקע (שרייט נאָך): שיק זי ארויס.

אויפטריט דינה.

דינה: איהר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגען, מוהמע?

סערקע: זיץ, מײַן קינד, דינה'לע, וויפֿיעל מאָל האָב איך דיך געבעטען, זאָלסט מיך ניט רופֿען מוהמע, ווי מען רופֿט אַ שטיף־מאַמע, וואָרום טאַקי נאָר אײן גאָט ווײסט דעם אמת, אַז דו ביזט בײַ מיר ווי אײן אײגען קינד. אָט האָט דײַן טאַטע דאָרט גענאָסען אויפֿ'ן אמת.

דינה (אַפּאַרט): וואָס איז הײַנט עפּעס מעהר ווי תמיד?

סערקע: הערסטו, דינה'לע, ער איז דאָ!

דינה: ווער?

סערקע: ער! דו ווײסט דאָך, אַז ער קומט אַלע מאָל אַהער מיט סחורה, אוי, הלוואַי אָן זײַן שאָדען אויף אונז אַלע געזאָגט געוואָרען, ער איז דאָך אײן אָנגעדאָבטשעוועטער עושר, און אַלע מאָל ווען ער קומט, ווײסטו דאָך, אַז ער שטעהט אײַן בײַ אונז, און אַצונד איז ער ווידער דאָ, און דאָס מאָל פֿערבלײַבט ער דאָ לענגער ווי אַלע מאָל.

דינה: אָבער, מוהמע'ניו, פֿון וועמען רעדט איהר?

סערקעלע: פֿון איהם.

דינה: פֿון איהם. פֿון וועמען?

סערקע: פֿון איהם, הער־זשע ווײַטער, ווײסטו פֿאַרוואָס ער בלײַבט דאָס מאָל לענגער?

דינה: פֿאַרוואָס?

סערק: ווײַל ער וויל חתונה האָבען!

דינה: מזל טוב, אָבער איך ווײס נאָך אַלץ ניט צו וואָס ערצעהלט איהר דאָס מיר?

סערקע (האַפּט זי אַרום): דינה'לע! גליקליבע דינה'לע! ביזט נאָר אין אַ הײַבעל געבוירען געוואָרען.

דינה: מוהמע, לאָזט מיך אָב! איהר וועט דאָך מיך צע־קוועטשען!

סערקע: פּאר גדולה, דינה'לע! זײַ שטאַרק, זאָלסט קאָנען אויסהאַלטען די גוטע בשורה, דינה'לע, דער עושר, דער אדיר, דער נגיד...

דינה: ווער?

ס ע ר ק ע: מײַן ברודער, משה פֿון ביטשוטש! ווײסטו מיט וועמען ער וויל חתונה האָבען נישט מיט קײן אנדערער ווי נאָר מיט דיר ... איך האָב עס פֿריהער געוואוסט, אז פֿון דער גוטער בשורה וועסטו איבערראַשט ווערען, זאָל איך דיר ברענגען וואַסער?

ד י נ ה: נײן, מוהמע, זײַט אײַך ניט מטריח, איך דאַנק אײַך.

ס ע ר ק ע: נישטאָ פֿאַרוואָס, קינד לעבען.

ד י נ ה: אמת, מוהמע'ניו, עס איז טאַקי נישטאָ פֿאַרוואָס, איהר האָט מיך גאַנץ אומזיסט שיער דערקוועטשט.

ס ע ר ק ע: וואָס הײסט אומזיסט?

ד י נ ה: ווײַל אײַער ברודער משה פֿון ביטשוטש, קאָן געזונדטערהײַד חתונה האָבען מיט וועמען ער וויל נאָר נישט מיט מיר.

ס ע ר ק ע: וואָס־זשע, דו ווילסט נאָך ניט? פּרינצעסירקע! פֿאַרוואָס?

ד י נ ה! ווײַל איך בין שוין אַ כלה פֿאַר אײן אנדערען.

ס ע ר ק ע: אַ כלה פֿאַר אײן אנדערען? און זיך גאָר בײַ קײנעם ניט אָנגעפֿרעגט?

ד י נ ה: איך האָב מיך יאָ אָנגעפֿרעגט, בײַם טאַטען.

ס ע ר ק ע ל ע (פֿערקאַטשעט די אַרבעל): למך!

ד י נ ה: מוהמע'ניו, וואָס ווילט איהר דען האָבען פֿון מײַן געפּלאָגטען טאַטען נעבעך?

ס ע ר ק ע: דאָס איז ניט געהערט געוואָרען, דײַן טאַטע טהוט מיט דיר אַ שידוך און פֿרעגט זיך בײַ קײנעם ניט אָ. (שרײַט): למך!

ד י נ ה: אָבער, מוהמע, ניט דער טאַטע, איך אַלײן האָב מיט מיר אַ שידוך געטהון.

ס ע ר ק ע: דו אַלײן?

ד י נ ה: יאָ! איך אַלײן בין דאָס שרעקליך פֿערברעכען בעגאַנגען, און ערשט נאָכהער האָב איך דעם טאַטען דערצעהלט, און דער טאַטע זאָל לעבען איז גאַנץ צופֿריעדען מיט מײַן געשמאַק.

סערקע: בין איך אויך א בעלן צו הערען דיין געשמאק. ווער איז ער?

דינה: ער!

סערקע: ווער?

דינה: ער! איהר קענט איהם אויך, ער קומט יעדען טאג צו אונז אין רעסטאראן עסען מיטאג.

סערקע: ווער?

דינה: ער!

סערקע: פון וועמען רעדסטו?

דינה: פון איהם!

סערקע: פון מיין ברודער משה פון ביטשוטש?

דינה: ניין, פון דעם סטודענט יעקב שטערען!

סערקע: ער? דער קבצן? דער ארימער סטודענט, וואס האט ניט געהאט פון וואנען אפילו פאר זיין עסען צו בעצאהלען?...

דינה: יעצט אבער האט איהם גאט ענדליך געהאלפען, יעצט איז ער פון אלע פראפעסארען אנערקענט געווארען אלס קינסטלער. יא, די עדעלע קונסט פון מאלער האט ער ער־לערנט און שוין מיט דעם ערשטען בילד, וואס ער האט געשאפען האט ער זיך שוין בעריהמט געמאכט.

סערקע: שא נאר! איך דערמאהן מיך! די געסט, וואס קומען צו אונז עסען, האבען עפעס גערעדט פון א בילד.

דינה (בעגייסטערט): א, פון זיין קונסט־ווערק „די זינדיגע מוטער" הייסט עס, און יעדער ווער עס זעהט עס איז אויסער זיך פאר בעוואונדערונג.

סערקע (שפייט): טפוי, צו זיין קאפ!

דינה: פארוואס שעלט איהר איהם?

סערקע: וואס דען, בענשען זאל איך איהם? הערט נאר וואס א מענשען פאלט איין אנצופאטשקען? אט הענגען דאך ביי מיר אין שטוב אויך בילדער, אבער וואס פאר א בילדער, די קאנסט זיי דאך, למשל, דאס בילד ווי המן הרשע ימח־שמו פיהרט מרדכי'ן רייטענדיג אויף א פערד.

דינה: אוי איז דאס א פערד!

סערקע: און דאָס אַנדערע בילד, ווי דוד המלך שפּילט אויף אַ צימבל, און דאָס 3-טע בילד, ווי אונזער מוטער חוה גיט אדם-ען צו פֿערזוכען... פֿון עץ הדעת. וואָס-זשע לאַכסטו? זעהסטו, ווען ער זאָל האָטש אַזעלכע בילדער מאָלען, ווער איז ניט קיין בעלן אויף אַזוינע בילדער? אָבער אָבצומאָלען ווי אַפּאַסקודסטווע לאָזט איבער אַמאַן מיט אַ קינד און אַנטלויפט מיט אַפּאַסקודניאַק! פֿע! וועלכער משוגע'נער וועט אַזוינס ביי זיך אין שטוב וועלען האַלטען, ווער וועט איהם דערפֿאַר געבען אַ צע-בראָכענע מטבע? נאַריש קינד, אויף וועמען ווילסטו אויסבייטען מיין ברודער משה פֿון ביטשוטש.

למך (קומט אָן): אוי שלעכט!

סערקע: שאַ. אָט איז דיין טאַטע אויך דאָ, הער-זשע, למך! איך רעד דאָ מיט אונזער טאָכטער!

דינה: מוהמע'ניו, אום גאָטעס ווילען, וואָס ווילט איהר האָבען פֿון מיין אָרימען טאַטען?

למך: שוין ווידער מיט אונזער טאָכטער! אוי שלעכט!

סערקע: און איך גיב איהר צופֿערשטעהן.

למך: איך האָב אַלסדינג געהערט.

סערקע: נו, וואָס זשע זאָגסטו?

למך: וואָס איך זאָג? שלעכט! איך זאָג אַזוי, סערקעלע, ערשט צוריק מיט אַ פּאָר חדשים האָסטו צו מזל חתונה געמאַכט דיין טאָכטער, האָב אַך מיך עפּעס אַריינגעמישט אין דעם שידוך פֿון דיין טאָכטער? פֿאָלג-זשע מיך, און מיש דיך ניט אַריין אין דעם שידוך פֿון מיין טאָכטער.

סערקע: שוין ווידער מיין טאָכטער. דיין טאָכטער! הער-זשע, למך. (פֿערקאַטשעט די אַרבעל).

דינה: מוהמע'ניו, אום גאָטעס ווילען, וואָס ווילט איהר האָבען פֿון מיין אָרימען טאַטען?

סערקע: שאַ! פֿערגלושע מיר ניט די אויערען, וואָס זשע קוויטשעסטו אַזוי? איך האָב דאָך איהם נאָך גאָרניט געטהון! ווייסטו גאָר וואָס? לאָז מיך דאָ איבער מיט איהם אַליין.

דינה: אוי, טאַטע'ניו, קום בלייב ניט מיט איהר אַליין.

למך: האָב ניט קיין מורא, קינד, איך וועל איהר גאָרניט טהון.

דינה: דאָס ווייס איך, טאַטע׳ניו, אַז דו וועסט איהר גאָר נישט טהון, אָבער זי דיר?

למך: נו, וואָס האָב איך מורא פאַר איהר, זי האָט נאָר ליעב אַסך צו רעדען, זי האַווקעט, אָבער בייסען בייסט זי ניט.

דינה: אָבער אידרע הענד?

למך: נו, יאָ אַזאַ טבע האָט זי: ווער עס רעדט מיט׳ן מויל, און זי רעדט מיט די הענד.

סערקע: נו, ביזט נאָך דאָ?

למך: געה, קינד לעבען, שרעק דיך ניט, גאָט איז מיט מיר. (דינה אָב זיפצענד).

סערקע: הער-זשע, למך, נאָך רעד איך צו דיר מיט גוטען, למך, פאַר דיין קינדס אייגען ליעגט איין אוצר!

למך: משה פון ביטשוטש? אוי שלעכט, אָבער זאָג מיר נאָר, סערקעלע, פאַרוואָס צאַפּעלסטו אַזוי מיין קינד צו פערשלייע-רען פאַר דעם אלטען מאַן?

סערקע: ראשית, פון איהר טובה וועגען, זי פאַלט דאָך אַריין אין אַ שמאַלץ-גרוב, והשנית צוליעב דיר!

למך: צוליעב מיר גאָר? אוי שלעכט!

סערקע: מיין משה, דער אַדיר, האָט מיר צוגעשוואָרען, אַז מיר וועלען פועל׳ען ביי מיין דינה׳לען, זי זאָל מסכים זיין צו דעם שידוך וועט ער אונז ביידע אַזוי גוט פערזאָרגען, אַז מיר זאָלען זיך ניט דאַרפען מעהר פלאָגען אויף אונזער שווערע פרנסה, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד! (וויינט). מיינסטו, אַז מיר טהוט ניט וועה דאָס הארץ, ווען איך גיעב אַ קוק אויף דיר ווי אָבגעמוטשעט דו זעהסט נעבעך אויס (חליפעט). אדרבא, זאָג אַליין, איז עס דען פאַר דיין כח אַזוי שווער און ביטער צו האָ-רעווען, וואָס-זשע זאָגסטו, למך׳ניו?

למך: וואָס-זשע זאָל איך זאָגען, סערקעניוניו!

סערקע: ווערסטו זי צורעדען צום גוטען?

למך: יאָ, סערקעלע.

סערקע: און זי זאָל ווי צו׳ם גיכסטען געהן צו דער חופה?

למך: יאָ, סערקעלע.

סערקע: ווּעסטו איהר הײסען זײן אַ גוט קינד?

למך: יאָ, סערקעלע.

סערקע: מיט מײן ברודער משה פון ביטשוטש?

למך: נײן, סערקעלע!

סערקע (מיט אַ גוואַלד): נײן? נײן? בין איך ניט אַ נאַר, וואָס איך שרײַ?

למך: דאָס פרעג איך אויך!

סערקע: נו, ווען זי איז אַ קינד און האָט קײן שכל ניט, און דער טאַטע איז ניט מעהר ווי אַציגענע באָבקע, ווי־זשע בין איך? איך איהר מאַמע?

למך: אוי אַ וועהטאָג איז דער מאַמען!

סערקע: און ווען איהר שטעלט אײך בײדע אויף אײערע קעפּ, התונה האָבען וועט זי נאָר מיט דעם, וואָס איך וויל, איך, איהר מאַמע. (אָב).

למך: אָט האָסטו דיר! פון דער העלער הויט אַ מאַמע! אָהן בויך־וועהטאָג אָהן קריזשע־וועהטאָג און אַ מאַמע! מײן קינדרס חתן יענקעלע האָט אויך געמאַכט אַ בילד פון אַ מאַמע, יענע איז שוין ווידער אײן אײגענע מאַמע, אײן אמת׳ע, און אַ מאַמע, דאָס מזל אויף איהר טאַטען. (אָב).

## אויפטריט סערקע מיט דינה.

סערקע: וואָס זאָגסטו זענען די צווײ נקבות? זײ ווײזען דאָך אויס ווי נישט קײן יודישע!

דינה: זײ זענען קריסטליכע, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער!

סערקע: פאַרוואָס־זשע האָט מען זײ אַרײנגעפיהרט צו מיר אין שטוב?

דינה: לויט יעקב האָט דערצעהלט, האָט ער זײ בײדע געטראָפען דאָ אין גערטענדעל זיצען און נאָכדעם ער האָט מיט זײ אײן ווײניג דיסקוסירט, איז די עלטערע פרוי פלוצלונג געוואָרען היסטעריש.

סערקע: וואס איז זי געווארען?

דינה: עס איז אזא קרענק! און יעקב האט זיי דערווייל אריינגעפיהרט צו אונז אין הויז אריין.

סערקע: צו וואס? טאמער פגר'ט זי, נאך דאס פעהלט מיר! א גיי'עשר פגר אין מיין יודישער שטוב.

דינה: שרעקט אייך ניט, מוהמע, זי פיהלט שוין יעצט בעסער און זיי ווארטען אויף זייער אויטאמאביל, וואס וועט באלד קומען זיי אהיים נעהמען, ווייל יעקב האט צו זיי אהיים טעלעפאנירט.

סערקע: מיין מאנס גליקען מ'שטיינס געזאגט! 2 גלעזער לימאנאדע האט ער זיי פערקויפט, פערשטעהסטו שוין וויפיעל מיר האבען אן זיי פערדיענט? און זעה נור, וואס דא טהוט זיך צוליעב זיי נאר באלד, באלד איה"ש וועלען מיר אין גאנצען פטור ווערען פון דער פרנסה בזויה, ער וועט פאר אונז אלע זיין דער הגואל, האסט איהם שוין געזעהן, דינה'לע?

דינה: וועמען?

סערקע: אידם, אונזער טייערען ליעבען גאסט, מיין ברודער משה פון ביטשוטש. אט קומט ער טאקי אויפ'ן אמת.

דינה (אפארט): פון וועמענס וועגען פוצט ער זיך אזוי?

## אויפטריט משה ביטשוטש.

סערקע (געהט צו צו איהם): משה'ניו, ברודער לעבען, נא דיר נאך אמאל שלום עליכם, למד'ן האסטו שוין געזעהן?

משה: יא, שוועסטער, למד'ן האב איך שוין געזעהן, אבער פארוואס זעה איך ניט...

סערקע; אט איז זי דאך (ווייזט אן אויף איהר).

משה (געהט צו): שלום עליכם! (סצענע).

דינה: עליכם שלום. (און לאזט זיך אנטלויפען).

סערקע: וואוהין אנטלויפסטו?

משה: דו שעהמסט זיך, נו יא, ווי דער שטייגער איז, א כלה'ניו שעהמט זיך, דו ביזט דאך אבער א מיידעל פון דער היינטיגער וועלט! וואס האסטו זיך צו שעהמען? קום אהער נאר'נו,

זעה וואס איך האב דיר געבראכט. (נעהמט ארויס ציערונג). אָה דאס איז פאר דיר א פרעזענט, נא, טראג עס מיר געזונדערהייד.

סערקע (צו דינה'ן). וואס=זשע? דו זעהסט אזא טייערע מתנה און ווערסט גאר ניט פערצאפעלט.

דינה: פארוואס קומט מיר דען א מתנה?

משה: ווארט, נארי'ניו, דאס איז ערשט איין אנהויב, די רעכטע כלה=מתנות קומען ערשט.

סערקע: וואס שטעהסטו איף געגליהטע קויהלען? וואוהין איילסטו זיך צו געהן!

דינה: דארט אינוועניג אין הויז ווארט אויף מיר עמיצער.

משה: עמיצער? אויף דיר ווארט עמיצער? בין איך אבער נייגעריג ווער איז דאס אזוינס דער עמיצער?

דינה: מיין חתן, ר' משה פון ביטשוטש! (אב אין הויז).

משה (לויפט ארום צעטראגען): ווער האט זי געזאגט?

סערקע: ווייס איך וואס זי פלאפעלט דארטען פאר א נארישקייטען, וואס הארט דיך?

משה: הער נאר, וואס הארט מיך פרעגסטו?

סערקע: אבער, משה'ניו, איך האב דאך דיר פריהער האפענדיג דערצעהלט פון דעם ארימען סטודענט, וואס פערדרעהט איהר דעם קאפ, אבער עס איז בחנם, דו מעגסט דיך אויף מיר פערלאזען, אויף מיר, דיין שוועסטער, סערקעלע. (אין דער צייט פאסירט דורך דער ביהנע יעקב מיט דינה).

משה (צעטראגען אויפגערעגט): וועה איז מיר, דאס איז ער?

סערקע. ברודער'ניו, דיינע ווילדע אויגען, דיין ציטערען, עפעס זעהט אוים ווי דו ווייסט עפעס פון איהם!

משה: צי איך ווייס פון איהם? פיהל מעהר וויפיעל ער ווייסט פון זיך אליין, און ער וועט זיין דינה'לעס חתן? און למך זאגסטו איז צופריעדען מיט דעם שידוך? שיק מיר ארוים למך'ן.

סערקע: אי' דו מאכסט מיך נייגעריג, משה'ניו, זאלסט אזוי לעבען, ווי דו מוזט מיר שוין זאגען, וואס דו ווייסט פון איהם, זאלסט אזוי אין גיכען שטעהן מיט דינה'לען אונטער דער חופה, זאג מיר.

משה: שיק מיר ארויס למך'ן, זאג איך דיר!

סערקע: ביז למך וועט זיך ריהרען ארויסצוקומען וועל איך עס ניט אויסהאלטען.

משה: שיק ארויס למך'ן, זאג איך.

סערקע (מיט אגוואלד): למך! למך! ווי גאט איז דיר ליעב, ווי דיין לעבען איז דיר ליעב, גיכער לויף ארויס, למך.

(למך, פון מיטען עסען דערשראקען).

למך: ראטעוועט! וואו ברענט!

סערקע: עס ברענט ניט, נאר משה דארף דיך האבען.

למך: טפוי!

משה: שוואגער לעבען, קום אהער, איך וועל דיר מגלה זיין א סוד, אז די האר פון דעם קאפ וועלען זיך דיר שטעלען קאפויער.

סערקע: נו-זשע, נו-זשע!

משה: ניין, ניט דא, זיי דרעהען זיך דא ארום, קום אריין אהין וועל איך דיר דערצעהלען, קום אויך, שוועסטער.

(אלע דריי אב).

## אויפטריט דינה און יעקב.

(זינגען).

ער: מיט דיר, נאר מיט דיר, זינג איך מיט פרייד מיין ליעד
פאר דיר, נאר פאר דיר, זינג איך און ווער גאר ניט מיעד
דאס ליעד איז פאר דיר נאר געשריבען,
דיין אייגענטהום איז דאס פערבליבען;
איך זינג עס זא גערן
פאר פרייד ביז צו טרעהרען

זי: פאר קיינעם ניט, נאר פאר דיר.
דיין שטימען-קלאנג, דיין זיס געזאנג,
דאס בלייבט אין הערצען ביי מיר;

מיט טרײַע און ליעבע, ביז אין גרוב
דאָס זינגען צוזאַמען וועל איך מיט דיר.

בײדע: איך מיט דיר, נאָר מיט מיר ... א. ז. וו.
(גאָב'ן געזאַנג).

## אויפטריט משה, למך, סערקע.

משה: נו, שוואָגער, איצט ווײַסטו שוין, וואָס דו האָסט צו טהון?

סערקע: נו?

למך (וויל רעדען און קאָן ניט): איך קאָן ניט, איך קאָן זיי נישט צעשיידען, איך האָב קיין האַרץ נישט.

סערקע: לאָז־זשע מיך. (געהט צו) יונגער מאַנטשיק, לאָז אָב אונזער דינה'לען, ווײַל דו קערהסט דיך מיט איהר גאָר נישט אָן, און דו וועסט זיך אויך קיינמאָל ניט אָנקערען מיט איהר.

יעקב: מײַן ליעבע יודענע, ווער זענט איהר, וואָס ווילט איהר און וואָס טהוט איהר דאָ? און ווען עס איז די רעדע פון דינה'לען, דאַרפט איהר שטעהן פון דער ווײַטענס און קיין וואָרט אַרײַנרעדען.

למך: אוי גוט! (לאַכט).

סערקע: למך! דו הערסט, ווי מען זידעלט אַזוי דײַן אשת חיל און דו נעהמסט זיך נישט אָן פאַר איהר.

דינה: טאַטעניו, וואָס געהט דאָ פאָר?

יעקב: מחותן! וואָס מאַכט איהר אַזאַ טרויעריג פנים, וואָס איז דאָ פלוצלונג פאָרגעפאַלען?

למך: פערשטעהסטו מיך, יענקעלע, די מעשה דערפון איז אַזוי. איך ... איך ...

סערקע: נו, וואָס־זשע קוועטשסטו זיך, וואָס? יונגער־מאַנטשטיק, וויסען זאָלסטו, אַז אונזער משפחה איז פון לויטער כלי־קודש און מיר ווילען בשום אופן ניט צולאָזען, אַז אונזער משפחה זאָל בעקומען אַזאַ פלעק ווי דו ביזט.

יעקב: מחותן, צו אײַך, צו דינה'לעס פאָטער, ווענדע

איך מיך. ערקלערט מיר, מיט וואס בין איך פלוצלונג געוואָרען אַ מיאוס'ער פלעק אין אייער משפחה? האָט מען פיליכט אויס־געפונען, אַז איך בין אַ גנב?

למך: חלילה, יענקעלע.

יעקב: אָדער אַנ'אַנדער מין פערברעכען?

למך: חלילה, יענקעלע.

יעקב: נו, וואָס־זשע דען?

למך: פערשטעהסטו מיך, יענקעלע, די מעשה דערפון איז אַזוי, פער...

סערקע: פערשטעהסטו מיך אהין, פערשטעסטו מיך אהער! וואָס רעדסטו נישט ווי אַ מענש?

למך: איך קאָן עס איהם נישט זאָגען, איך האָב קיין האַרץ נישט.

משה: יונגער מאַן, אויב דו ווילסט וויסען, פאַרוואָס דו ביזט אַ מיאוס'ער פלעק פאַר אונזער משפחה, אַזוי וועל איך עס דיר זאָגען.

## אויפטריט וויקטאָר.

וויקטאָר: מיינע מוטער, מיינע שוועסטער, וואו זענען זיי?

סערקע: אָה, די 2 נקבות? דאָרט. (ער אָב אין הויז).

משה: יונגער מאַן, ווען איך האָב דיך דאָ פריהער געזעהן אַרורפגעהן, האָב איך געמיינט, אַז דער טאַטע דיינער איז אויפגע־שטאַנען פון קבר. אַזוי עהנליך ביזטו צו איהם. געדענקסט איהם נאָך?

יעקב: נו, געוויס, איך בין דאָך שוין אַ 10־יעהריגער יונגע געוועזען, ווען ער איז געשטאָרבען.

משה: נון, און דיינע מאַמע?

יעקב: זי איז מיר ליידער אָבגעשטאָרבען נאָך אַלס קינד!

משה: ווער האָט עס דיר געזאָגט?

יעקב: ווער אַז נישט מיין פאָטער!

משה: ווייס־זשע, אַז דיין פאָטער האָט פון דיר פערבאָרגען דעם גאַנצען אמת.

יעקב: וועלכער אמת? (אין דער צייט הערט מען אנ־אויטאמאביל צופאהרען).

משה: הער אויס, יונגער מאן, איך וואלט עס דיר נישט געוואלט זאגען, נאר אז דא איז אזא מעשה, וועל איך ערקלערען אזא סוד, וואס עס וועט דיר זעהר וועה טהון. ווי איך האב געהערט, האסטו אבגעמאלט א בילד פון א זינדיגער מוטער. ווייסטו וועמען דו האסט אויף דעם בילד פארגעשטעלט? דאס פערלאזענע קינד אין וויעגעלע דאס ביזטו. א פרוי, וועלכע פערלאזט א מאן מיט א קינד און אנטלויפט מיט א ליעבהאבער, און דערצו נאך מיט א קריסט, יא, דאס האסטו אבגעמאלט דיין אייגענע מאמע.
(עס ווערט א געשריי און עס לויפט אריין דאס גאנצע כאהר)

(זינגט).

יעקב: אך נײן, אך נײן, זאלכע פערליימדונג.
זאלכע ליגען.
דאס איז אונערהערט. (בּיס).
און קיינער גלויבען קאן עס נישט.
נײן, נײן, נײן, נײן.

כאהר: וואס איז דא געשעהן, וואס האט פאסירט? (בּיס),
און וואס איז דער שרעק פון דעם לארעם?
וואס איז דא געשעהן? לאזט אונז הערען.

משה: גלויבט מיר ניט, הא, הא, א ליגנער בין איך דאך,
איבערצייגען דיר, יא, דאס בין איך אימשטאנד,
וואס איך האב דא ערשט וועגען איהר געזאגט...
אלעס וואס מיט איהר האט פאסירט,
בין איך אליין איין עדות דארט געוועזן:
מאן און קינד איבערגעלאזט,
מקריב געוועזן צוליעב א קריסט.
יא, דאס איז אמת, איך שווער עס אייך,
איך שווער עס הייליג דא פאר אייך,
טוידט איז איהר מאן נאר דורך איהר
דיין ארימער פאטער, יא, טוידט דורך איהר.

יעקב: אוי וועה איז מיר. בּיס).

ערשט יעצט איז מיר אלעס קלאר,
ערשט יעצט איז מיר אלעס וואהר
איהר ווילט מיט געוואלד פריי זיין פון מיר
נאר צוליעב איהר, דאס איז אייער ציעל.
דינה: אהא, מיין יעקב, גערעכט ביזטו, מיין טייערער.
יא, פאלש איז אלעס, און גלויבען וועט ניט קיינער.
א שאנד-פלעק מאכען דיר, דאס איז בלויז זייער מיין,
דיך זיין נעבען-ביהלער, בעפרייען זיך פון דיר
יא, דאס איז זייער ציעל אליין, יא — — — — —
ווי איז דאס מעגליך, זאגט, ווי קאן דאס זיין,
אז א קינד ווי ער איז יא, זאל שטאמען גאר פון אזא פרוי,
פון אזעלכער מוטער? ווי איז דאס מעגליך,
זאגט, ווי קאן דאס זיין, אזא קינד ווי ער,
אזוי עדעל ווי ער, עהרליך ווי ער? מיין זיסער פריינד,
איך בין דיין, דיין נאר אליין, אויף עוויג דיין!
אויף אימער בלייב איך נאר דיין.
כאהר: גערעכט, גערעכט, גערעכט,
משה: פערעלע! פערעלע!!!

(אלעס פרעגט:)

ווער איז זי?

משה: (פראזא): אצבע אלקים, יונגער מאן, הער און ציטער, די מוטער פון וועלכער דו האסט אזוי פיעל פאנטאזיערט די משומד'ת, זי לעבט. קריסטליכע מאמע, דא שטעהט דיין יודישער זאהן.

יעקב (זינגט): אך ניין, אה ניין.
נישט מיינע מוטער זעה פאר מיר. (בים).
נאר די מערדערין, די מערדערין פון מיינעם פאטער.
כאהר: די מערדערין איז זי, פאן זיינעם פאטער (בים).

(פאזיציאן).

(פארהאנג פאלט).

---

# צווייטער אקט.

---

בײַ למך'ן אין שטוב. אײַן אײַנפֿאַך צימער. למך, סערקע, משה זיצען בײַ אַ טישעל טרינקען ווײַן.

סערקע: טרינק, למך!

למך (האַלב שכּור). אָבער, סערקעלע, אין בין שוין גאַנץ נישקשהדיג פֿערטשאַרעט.

סערקע: טרינק, שלימזלניק, אז איך אַליין הײס דיר טרינקען, וואָס־זשע האָסטו מורא? נאַריניו, און פֿאַרוואָס ניט? אַז גאָט האָט דיר געהאָלפֿען, האָסט דערלעבט דײַן טאָכטער צו פֿאַרקנאַסען און נאָך מיט וועמען צו פֿערקנאַסען! (ווײַזט אויף משה'ן).

משה: אָבער פֿאַרוואָס זעה איך ניט מײַן כּלה'ניו? וואו איז ערגעץ דינה'לע?

סערקע: זי מוז אוודאי זײַן דאָרט אין איהר צימער'ל, ווײַל איך האָב איהר געהײסען זיך אָנטהון און אויספּוצען, איך האָב דאָך אויף הײַנט בײַנאַכט אײַנגעלאַדען אונזער משפּחה זיי זאָלען זײַן בײַ'ם קנאַסמאַהל.

הערמאַן: (הינטער די קוליסען). דו מעגסט טאַקי זײַן סער. קעלעס מאָכטער, איך אָבער הײס ניט למך.

למך: סערקעלע, עמיצער איז אונז דאָרט מזכּיר נשמות.

סערקע (קוקט אַרויס): מײַן אײדים מיט מײַן טאָכטער קומען.

### אויפֿטריט הערמאַן, ראָזאַ.

משה: דאָס איז דײַן טאָכטער, אַ יאָ?

סערקע: האָסטו זי שוין אַזוי לאַנג ניט געזעהן, אַז דו דערקענסט זי קוים? ראָזעניו, דאָס איז דאָך דער פֿעטער משה פֿון ביטשוטש.

ראָזאַ: שלום עליכם, פֿעטער.

סערקע: און פֿאַרוואָס שטעהסטו פֿון ווײַטען?

ה ע ר מ אַ ן : שלום עליכם, פֿעטער, און וואָס מאַכט איהר, רבי למך? וואָס טהוט איהר עפּעס?

ל מ ך : אוי שלעכט!

ה ע ר מ אַ ן : איך פֿרעג אייך, וואָס איהר מאַכט?

ל מ ך : איך פֿרעה מיך.

ה ע ר מ אַ ן : וואָס איז די גדולה?

ל מ ך : איך ווייס? סערקעלע הייסט זיך מיר פֿרעהען פֿרעה איך מיך.

ה ע ר מ אַ ן : וואו איז ערגעץ דינה'לע? איך האָב איהר געבראַכט אַ גרוס.

ס ע ר ק ע : אוודאי פֿון איהרע אַ חבר'טע?

ה ע ר מ אַ ן : ניין, פֿון איהרען אַ חבר.

ס ע ר ק ע : אונזער דינה'לע האָט נישט קיין חברים.

ה ע ר מ אַ ן : אָבער איין איינציגען חבר האָט זי און זעהר אַ ליעבען חבר.

ס ע ר ק ע : וועמען מיינסטו?

ה ע ר מ אַ ן : איהר חתן, מיין פֿריינד יעקב שטערען.

ס ע ר ק ע : חאַ, חאַ, חאַ, אויב אַזוי ווייסטו דאָך גאָר ניט, אַז דאָ זיצט ער, איהר חתן, מיין ברודער משה פֿון ביטשוטש

ה ע ר מ אַ ן : מאַכט איהר חוזק פֿון מיר, שוויגער?

ס ע ר ק ע : חלילה! פֿרעג למך'ן, איהר אייגענעם טאַטען.

ה ע ר מ אַ ן : ר' למך!

ל מ ך : האַ?!

ס ע ר ק ע : זאָג דו, למך, איז נישט היינט אויף דער נאַכט דאָס קנאַסמאָהל ביי אונזער טאָכטער דינה'לען מיט מיין ברודער?

ה ע ר מ אַ ן : און איהר, ר' למך, האָט אויף דעם שידוך געזאָגט יאָ?

ס ע ר ק ע : דינה'לע אַליין האָט אויך געזאָגט יאָ.

ה ע ר מ אַ ן : איז דאָס אמת, ר' למך?

ל מ ך : פֿערשטעהסטו מיך, דינה'לע האָט אַזוי געזאָגט: אויב ניט יעקב איז איהר שוין אַלץ איינס ווער, אַפילו אַ בער.

מ ש ה : וואָס איך בין גאָר אַ בער?

למך: נײַן אַ קאַטשקע.

סערקע: צו מײַנע שונאים'ס קעפּ, און צו מײַן מאַנס הענד און פֿיס! משה'ניו, וואָס קוקסטו איהם אין מויל אַרײַן? ער איז דאָך טויט שכּור. גענוג טרינקען. (נעהמט אַוועק דאָס גלאָז).

הערמאַן: הײַסט עס, אויב נישט יעקב, איז איהר שוין דאָס גאַנצע לעבען נישט ליעב, אָבער זאָגט מיר, ר' למך, פֿאַר־וואָס נישט יעקב?

סערקע: רויזע'ניו, צו וואָס האָסטו דײַן מאַן געבראַכט אַהער?

ראָזאַ: אָבער, מאַמע'ניו, אַז איך קום אַהער צו דיר צו גאַסט זאָל איך גאָר קומען אָהן מײַן מאַן?

סערקע: אָבער וואָס האָט ער זיך צו מישען אין פֿרעמדע זאַכען? (צו הערמאַנ'ען). וואָס געהט דיך אָן דינה'לע? קעהרט דיך אָן עפּעס מיט איהר?

הערמאַן: און וואָס קעהרט איהר זיך אָן מיט איהר?

סערקע: למך, וואָס שווײַגסטו? וואָס נעהמסטו דיך ניט אָן פֿאַר מיר?

למך: הערמאַן, טהו מיר אַ טובה און קריעג דיך ניט מיט מײַן סערקע'לען, וואָרום וואָס עס האָט זיך איהר געחלומ'ט די נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר וועט באַלד אויסגעהן צו מײַן קאָפּ.

הערמאַן: ווער רעדט דען צו איהר? איך פֿרעג אײַך? ר' למך, פֿאַרוואָס איז געוואָרען אויס פֿון דעם שידוך מיט יעקב'ן'

סערקע: דו זאָגסט דאָך, אַז ער איז דײַן גוטער פֿרײַנד, האָט ער דיר ניט ערצעהלט פֿון דעם בעגעגעניש מיט זײַן מאַמערע?

הערמאַן: ער האָט מיר אַלסדינג דערצעהלט.

סערקע: נו, קאָנסטו נאָך פֿרעגען?

הערמאַן: שוויגער, נישט צו אײַך רעד איך, נאָר אײַך, ר' למך, וויל איך פֿרעגען: ווען זײַן מאַמע האָט געזינדיגט פֿאַרוואָס קומט איהם צו בעשטראָפֿען?

למך: האָסט טאַקי רעכט!

מ ש ה: זײַ מיר מוחל, שוואָגער. רעכט, זאָגסטו, האָט ער, פֿאַרוואָס? בײַ אונז אין דער תּורה שטעהט דאָך בפירוש געשריבען: לא יבוא ממזר בקהל ד׳.

ה ע ר מ אַ ן: איז דען יעקב אַ ממזר?

מ ש ה: נײַן. איך מײַן, אַז אויך דאָרט קאָנסטו די זעלבע קשיא פֿרעגען. ווען אַ מאַמע האָט געזינדיגט, וואָס איז דאָס קינד שולדיג? נאָר אונזער תּורה האָט אפשר דעריבער געמאַכט אַזאַ געזעץ, אַז זיי װעלען װיסען, אַז זייערע קינדער לײַדען דורך זיי, דאָס װעט אפשר אַ טײל מאַמעס אָבשרעקען פֿון זינד.

ל מ ך: דו האָסט אויך רעכט!

ס ע ר ק ע: וואָס הייסט אויך רעכט? אַז דער איז גערעכט, איז דאָך דער ניט גערעכט. ווי אַזוי קאָנען זיי בײדע רעכט האָבען, שלי׳מזל׳ניק?

ל מ ך: דו ביזט אויך גערעכט!

ר אָ ז אַ: וואו איז ערגעץ דינה׳לע? איך װאָלט מיך געװאָלט זעהן מיט איהר.

מ ש ה: איך װאָלט זי אויך געװאָלט זעהן.

ה ע ר מ אַ ן: און איך וויל זי אויך זעהן.

ס ע ר ק ע: אַלע אויף איין מאָל?

ה ע ר מ אַ ן: קומט, רבי למך.

ס ע ר ק ע (שרײַט): איך הײס ניט!

ה ע ר מ אַ ן: רבי למך, הערט זי ווי די קאַץ און קומט (אָב מיט למך׳ן).

מ ש ה: שוועסטער לעבען, וואָס הייסט דאָס, דײַן איידעם איז אַ גרויסער חוצפּה׳ניק. אפשר איז ער געקומען גאָר מיר אָברעדען מײַן כּלה?

ס ע ר ק ע: לויף איהם נאָך, לאָז איהם ניט איבער מיט איהר אַלײן. (משה אָב).

ס ע ר ק ע: טאָכטער, ביזט שוין אַזוי לאַנג ניט געווען בײַ מיר, אַז איך ווייס ניט, וואָס עס טהוט זיך אַזוינס צווישען דיר און דײַן טאַן.

ר אָ ז אַ: וואָס זאָל זיך טהון, מאַמעניו? איך בין מיט מײַן מאַן גאַנץ גליקליך.

ס ע ר ק ע: זאָגסטו מיר דעם אמת, טאָכטער?

ר אָ ז אַ: הלוואי אונזער גאַנץ לעבען זאָלען מיר אַזוי גליק־ליך זײַן, ווי מיר זענען יעצט.

ס ע ר ק ע: וואָס־זשע דען האָט ער עפּעס געשריען בײַ אײַער אָנקומען, אַז ער הײסט ניט למך, גלײַך ווי איהר וואָלט אײַך איבער עפּעס געקריגט?

ר אָ ז אַ: איבער אַ נאַרישקײַט. געהענדיג אַהער, זענען מיר פערבײַגעגאַנגען פאַר אַ פענסטער, וואו עס איז געלעגען אויסגע־לעגט זעהר שענע זאַכען, האָב איך דערזעהן אַ פּאָר אויערינגלעך, זענען זײ מיר זעהר געפעלען געוואָרען.

ס ע ר ק ע: נו?

ר אָ ז אַ: זאָג איך צו איהם: הערמאַן! איך בין גאַנץ פער־ליעבט אין די אויערינגלעך.

ס ע ר ק ע: וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

ר אָ ז אַ: ער האָט געלאַכט.

ס ע ר ק ע: וואָס־זשע האָסטו געזאָגט?

ר אָ ז אַ: האָב איך געזאָגט: הערמאַן! ווען דו ביזט אַ גוטער מאַן, וואָלסטו מיר געקויפט די אויערינגלעך.

ס ע ר ק ע: וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

ר אָ ז אַ: האָט ער געזאָגט, אַז... איך געדענק שוין ניט וואָס.

ס ע ר ק ע (שפּרינגט אויף): טאָכטער מײַנע, דו ביזט פער־לוירען! קינד מײַנס, דו ביזט אונגליקליך!

ר אָ ז אַ: וואָס פעלט דיר אײַן, מאַמעניו?

ס ע ר ק ע: ערשט אַ פּאָר וואָכען נאָך דער חתונה און שוין טרעט ער דיך מיט די פיס.

ר אָ ז אַ: וואָס רעדסטו, מאַמעניו?

ס ע ר ק ע: מײַנסטו, אַז מיר געהט אין די אויערינגלעך? (למך בײַ'ם פענסטער) מיר געהט נאָר אין דעם, פאַרוואָס זאָל ער אויספיהרען? קינד מײַנס, ביזט נאָך צו יונג און דו ווײסט ניט,

אַז דאָס גאַנצע לעֶבען צווישען אַ מאַן מיט אַ ווייב הענגט אָב פֿון דעֶם, ווי מען וויזט זיך דעֶם ערשטען וועג באַלד נאָך דער חתונה. קוים ווֶעסטו איהם געוואוינען שוין אַצונד אויסצופֿיהרען וואָס ער וויל, ווֶעסטו שוין דיין גאַנץ לעבען מעֶהר ביי איהם שוין ניט קאָנען אויספֿיהרען קיין שום זאַך, און דעריבער פֿאָלג, טאָכטער, די עצה פֿון דיין מאַמען: די אויערינגלעך מוזטו בעקומען, נישט פֿאַר עפּעס, נאָר כדי דו זאָלסט אויספֿיהרען.

ר אָ ז אַ: אָבער, מאַמעניו, זאָל איך איבער אַ פּאָר אויערינגלעך זיך צעקריגען מיט מיין מאַן?

ס ע ר ק ע: וועֶר הייסט זיך דיר דען קריגען? אַ ווייב האָט געֶנוג אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו האַלטען איהר מאַן אונטער איהר פּאַנטאָפֿעל. אוי, ראָזעלע! איך אין דיינע יאָהרען, וואָס האָב איך דען ניט אויסגעפֿיהרט ביי דיין טאַטען, מיין ערשטען מאַן ע"ה! ער איז נישט געווען אַזאַ צעקראָכענער ווי מיין איצטיגער למך... דיין טאַטע ע"ה איז געווען אַ העלד, אַ מאַנספּערזאָן, אָבער מיט איין קוק פֿון מיינע אויגען האָב איך דעם העלד אַרומגערינגעלט אַרום מיין פֿינגער.

ר אָ ז אַ: מיט איין קוק? וועֶר ווייסט, וואָס פֿאַר אַ קוק דו האָסט געגעבען?

ס ע ר ק ע: אַ קוק פֿון אַ יונג ווייבעלע, וואָס נעֶהמט זיך איבער ביי איהר מאַן.

ל מ ך (ביי׳ם פֿענסטער): וואָס הער איך? סערקעלע איז אויך אַמאָל יונג געווען, און איך האָב געמיינט, אַז זי איז געבוירען אַן׳אַלטער שקראַב.

ס ע ר ק ע (זיפֿצט אָב): אַך, קינד, איך אין דיינע יאָהרען, ווי געפּעסטעט האָב איך מיך ביי מיין מאַן, וואָס פֿאַר אַ חנ׳דעלעך פֿלעג איך דען נישט מאַכען פֿאַר איהם!

ל מ ך: סערקעלע, מאַך מיר אויך אַ חנ׳דעלע.

ס ע ר ק ע: יאָ, יאָ, רייזעלע! מען דאַרף וויסען מיט מענער ווי אַזוי אומצוגעהן. למשל, מיינער זאָל זיך מיהען, פֿלעגט זעהר פֿיינד האָבען טרעהרען. וואָס־זשע האָב איך געטהון? פֿאַר דער מינדעסטער קלייניגקייט האָב איך מיך אַזוי צעקווייטשעט,

אזוי צעריטשעט, אז ער איז שיער משוגע געווארען, און אזוי פלעג איך טאקע אלפדינג אויספיהרען.

ר א ז א: מאמעניו, מיינער קאן אויך ניט זעהן קיין טרעהרען.

ס ע ר ק ע: נו, חלום, פארוואס־זשע נוצטו עס ניט אויס?

ר א ז א (לאכט): אבער, מאמעניו, ווי אזוי קאן מען וויינען, ניסען מיט טרעהרען, ווען עס גלוסט זיך ניט צו וויינען?

ס ע ר ק ע: גאָה, נארעלע, ביי א פרוי איז אויך א קונסט־שטיק? א קוועטש מיט די אויגען און די טרעהרען זענען דא!

ל מ ך: אוי, מאנזבילען! פיהרען אונז ווייבער אין באד־ארייַן!...

ס ע ר ק ע: שא, אט געהט דיין מאן אהער. יא, מיין קינד, פרוב נאר און טהו, ווי איך האב דיך געלערנט, און לאמיר זעהן, ווער פון אייך ביידע וועט אויספיהרען. (אב).

ל מ ך: דאס בין איך א בעלן אויך צו זעהן.

## אויפטריט הערמאַן.

ה ע ר מ א ן: ביזט גאר דא, ראזעלע? איך האב געמיינט, אז דו געהסט מיט אונז מיט. פארוואס ביזטו דען צוריק געבליבען? (ראזא פערדרעהט זיך אן א זייט)

ל מ ך: אהא, די קאמעדיע הייבט זיך אן.

ה ע ר מ א ן: ראזעלע, פיהלסט אפשר אונוואהל? וואס זיצסטו עפעס אזוי טרויעריג? פעהלט דיר עפעס?

ר א ז א: און אז דו וועסט שוין וויסען וואס מיר פעהלט, וועל איך דען געהאלפען ווערען?

ה ע ר מ א ן: וואס זענען דאס פאר א ווערטער? קינד, ווייסטו דען ניט, אז דו ביזט מיין גאנץ לעבען? (וויל זי גלעטען).

ר א ז א: פון וואנען זאל איך דאס וויסען? אז דאס מינדעס־טע קלייניגקייט, וואס איך בעט דיך, זאגסטו מיר אב.

ל מ ך: זי מאכט די קאמעדיע גאנץ ניש־קשה'דיג.

ה ע ר מ א ן: די מינדעסטע קלייניגקייט זאג איך דיר אב? אה, מיינסט אפשר די אויערינגלעך? הער־זשע, ראזא, דו ווייסט

גאַנץ גוט, אַז פֿון דײַנעטוועגען איז מיר קײן זאַך ניט צו טײַער. נישט נאָר אײן ווערטפֿולע זאַך האָב איך דיר שוין געקויפֿט אָהנע דו זאָלסט מיך פֿריהער בעטען, דאָ אָבער ווײס איך ווירקליך נישט, וואָס דו האָסט אויף די אויערינגלעך דערזעהן. מיר געפֿעלען זײ אַבסאָלוט ניט! די שטײנער זענען מאַט אָהן אַ שטיקעל פֿײַער...

ראָזאַ: אָבער ווען זײ געפֿעלען מיר!

הערמאַן: זאָג מיר אויך פֿאַרוואָס?

ראָזאַ: אָהן אַ פֿאַרוואָס און זײ געפֿעלען מיר.

הערמאַן: דאָס הײסט, ס'איז דיר פּלוצים אַרײַן אַ שגעון אין קאָפּ. דאַן טהוט עס מיר לײד צו זאָגען דיר, אמת טאַקע איך האָב דיך ליעב, דײַנע שגעונ'דלעך וועל איך דיר קײן מאָל ניט נאָכגעבען, איך הײס ניט למך.

למך: ער בעליידיגט מיך אפילו, אָבער ער געפֿעלט מיר דאָך. אָט דאָס הײסט אַ מאַן. אוי וועט אין סערקעלען פּלאַצען די גאַל!

ראָזאַ: הערמאַן, מיר קאָנסטו אַזאַ קלײניגקײט אָבזאָגען? מיר, הערמאַן? סײַדען, סײַדען דו האָסט מיך ניט ליעב. יאָ, איך זעה שוין, אַז דו האָסט מיך קײן מאָל ניט ליעב געהאַט, קײן מאָל ניט.

למך: בנאמנות, זי וויינט מיט טרעהרען, חאַ, חאַ, חאַ! אַ קוועטש מיט די אויגען און טרעהרען זענען דאָ. אַצונד אָבער בין איך אַ בעלן צו הערען, ווי אַזוי ער וועט אַרויס מיט לשון.

הערמאַן: זי וויינט און איך האָב זי געבראַכט צו טרעהרען! (געהט צו) נישט וויינען, דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן קײן טרעהרען ניט זעהן.

ראָזאַ (וויינט): איך ווײס נאָר אײן זאַך, אַז דו האָסט מיך ניט ליעב, און איך בין די אונגליקליכסטע אויף דער וועלט.

הערמאַן: וואָס פֿאַלט דיר אײַן, קינד! איך האָב דיך ניט ליעב? (גלעט זי) בין איך נישט קײן שלעכטער מענש, אַ טיראַן? איבער אַזאַ קלײניגקײט קאָן איך אין מיר האָבען דאָס האַרץ זי צו ברענגען צו טרעהרען. עפּעס אַ קלײניגקײט טרעהרען! מן-

הסתם שהוט עס דאָך איהר וועה. (ענטשלאָפסען): ראָזעלע, קום!

ר אָ ז אַ: איך וויל ניט געהן, איך בין ניט אויפגעלעגט.

ה ע ר מ אַ ן: קום, זאָג איך דיר! ווייסטו וואוהין? דיר קויפען די אויערינגלעך.

ל מ ך: אוי, שלעכט, געה שוין, געה, דו ביזט אַ למך!

ר אָ ז אַ: איך בין דיר מוחל. עס האָט זיך מיר שוין איבערגעגלוסט.

ל מ ך: בנאמנות, ווי סערקעלע איז נאָך אַ הונר געגען איהר.

ה ע ר מ אַ ן: ווייסטו וואָס, ראָזעלע, בלייב דו דאָ, און איך אליין גיעב שוין אַ לויף און ברענג זיי דיר אהער. וואו איז מיין הוט? אדיע, ראָזעלע, אין 5 מינוטען ארום בין איך דאָ מיט די אויערינגלעך. (אָב).

ל מ ך: און איך האָב גימיינט, אז איך בין נאָר איין למך אויף דער וועלט! מיט וואָס פאר אַ גדלות ער האָט זיך ערשט פריהער אַ שטעל געגעבען: איך הייס ניט למך! וואָס־זשע טהוט זיין ווייבעל? — גיעט זי מיט די אויגען נאָר איין קוועטש, און מאַכט פון איהם אַ קוואַטש.

ר אָ ז אַ (לאָזט ארויס אַ געלעכטער): מאַמע, האָסט רעכט געהאַט מיט דיין עצה. מיט מענער דאַרף מען וויסען ווי אומצוגעהן. מען דאַרף זיי נאָר האַלטען ביי דער צופּינגע. וואָס־זשע, ער וועט אַנטלויפען? וועט ער דאָרט ניט קריגען דאָס זעלבע, וואָס אין דערהיים.

(פאָרהאַנג פאַלט).

# פערוואנדלונג.

(אַ צימער בײַ מאַדאַם פּאָפּעסקאַ. לידאַ שפּילט אויף פּיאַנאָ דעם רעפרײַן פון װיגעגע-ליעד. פּאָפּעסקאַ זיצט אויף אַ פּאָפּע זעהר געריהרט).

## דיענער ערשיינט.

דיענער: אַ פרײַלין האָט אײַך געװאָלט זעהן, האָב איך אויף איהר אָנגערײַצט דעם הונד, װײַל זי איז אַ יודעשקע!

פּאָפּעסקאַ: נעכטטענס מאָל, װען דו װעסט אָנרײַצן די הינד אויף װעמען עס איז, װעל איך דיך אַלײַן װי אַ הונד אַרויסיאָגען.

דיענער: איך האָב קײַן שולד, מאַדאַם, דאָס האָט מיר אַזוי געהײסען דער יונגער פּאַניטש. אָבער יעצט װעל איך נאָר טהון דאָס, װאָס איהר הײסט מיר און בעפעהלט.

פּאָפּעסקאַ: געה און שיק מיר אַרײַן דאָס פרײַלין.

## אויפטריט דינה.

(זי קומט אַרײַן און בלײַבט שטעהן בײַ דער טהיר).

פּאָפּעסקאַ: װאָס איז אײַער װאונש, פרײַלין?

לידאַ: מוטער, דאָס איז דאָס פרײַלין, װאָס מיר האָבען זי דאַמאָלס געזעהן מיט איהם.

דינה: יאָ, מיך האָט איהר דאַמאָלס געזעהן נעבען איהם.

לידאַ: איהר זײַט זײַנע פרײַנדין?

דינה: איך... בין זײַנע ברויט.

פּאָפּעסקאַ: זײַנע ברויט? קום נאָר, מײַן קינד, נעהמע פּלאַץ. דײַן נאָמען, מײַן קינד?

דינה: דינה...

פּאָפּעסקאַ: און דײַנע עלטערן?

דינה: דער אָרימער װירט, װעלכער האָט אײַך בעדינט, איז מײַן פאָטער; אַ מוטער האָב איך ניט.

פּאָפּעסקאַ: און דו ביזט זײַנע ברויט?

דינה: יאָ.

פאָפּעסקאַ: זייט ווען ליעבט איהר אייך?

דינה: שוין זעהר לאַנג. וועהרענד זיין שטודיום פלעגט ער עסען ביי אונז. מיין אָרימער יעקב, ווי שווער און ביטער האָט ער זיך געביך געמוזט פּלאָגען און מאַטערן! פון שטונדען געבען האָט ער זיך געמוזט ערהאַלטען, אָבער נישט איין מאָל האָט ער נישט דערעסען, נישט איין מאָל ניט דערשלאָפען, נישט איין מאָל איז ער געקומען אין זאָלכער פערצווייפלונג, אַז ער האָט שיער געוואָלט זיין שטודיום אויפגעבען. איך אָבער בין איהם די גאַנצע צייט געווען זיינע איינציגע, זיינע וואַהרע הערצענס-פריינדין. איבער מיינע קרעפטען האָב איך פאַר זיינעטוועגען געאַרבייט, איהם געשטיצט, ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען און ער האָט זיין ציעל ערריכט. יעצט האָט מען איהם צוואַר פערשיעדענע רייכע פּאַרטייען פאָרגעשלאָגען, אָבער ער מיט זיינען נאָבלען הערצען ליעבט ער אויך יעצט נאָר זיין אָרימע דינה'לע.

פאָפּעסקאַ: מאַך איהם גליקליך, דינה'לע! מאַך איהם גליקליך!

דינה: דאָס וועל איך יאָ... מיט מיין גאַנץ לעבען, אָבער...

פאָפּעסקאַ: אָבער...

דינה: פון אייך, מאַדאַם, העגנט יעצט אָב דאָס גליק פון אונז ביידע...

פאָפּעסקאַ: ערקלער מיר, קינד, וואָס דו מיינסט.

דינה: איך האָב אַ שטיעפמוטער, וועלכע האָט אינטערעסע אונז ביידע אויסאַנאַנדערצורייסען, און אום איינמאָל זיך בעפרייען פון מיין בעזער שטיעפמוטער, האָט מיין יעקב בעשלאָסען, מיר זאָלען שוין הייראַטען. דאָס געזעץ פון היזיגען לאַנד שרייבט אָבער פאָר, דאָס יעדעס פּאָר, וועלכעס וויל הייראַטען, מוז פריהער ערשיינען פאָר דעם ציוויל-געריכט, אום געוויסע פראַגען צו בעאַנטוואָרטען. אַזוי זענען מיר אויך ביידע פאָר דעם געריכט ערשינען. זייער ערשטע פראַגע איז געווען, אויב חתן-כלה האָבען עלטערן. און ווען יאָ, מוזען אויך די על-

טערן ערשײַנען און אײַנווילינגען צו דער הײַראַט פֿון זײַערע קינ־
דער. איך, וועלכע האָב קײן מוטער, האָב נאָר געדאַרפֿט מיט
מיר מיטברענגען מײַן פֿאָטער, און מײַן גוטער פֿאָטער איז אויך
מיט אונז מיטגעגאַנגען און האָט אונז דאָרט דעם זעגען געגעבען.
דאַן האָט דער ריכטער געפֿרעגט מײַן יעקב'ן אויף זײַנע עלטערן.
(ווײַנט). און יעקב האָט אָנפֿאַנגס ערקלערט, אַז זײַנע עלטערן זענען
שוין לאַנג טוידט, באַלד אָבער האָט ער זיך ערינערט, אַז ער
האָט ניט דעם... די וואַרהײַט געזאָגט, און ער איז געווען גע־
צוואונגען דעם ריכטער צו ערקלערען, אַז די יעניגע, וועלכע האָט
איהם דאָס לעבען געשענקט, איז נאָך צוואַר בײַ'ם לעבען, אָבער
אײַנע מוטער האָט ער דאָך ניט. אָבער דער ריכטער וויל פֿון גאָר־
ניט וויסען. זאָ לאַנג די מוטער לעבט, האָט ער געאַנטוואָרטעט,
מעג זי זײַן ווער זי איז און וואָס זי איז, מוטער איז זי, און אַלס
מוטער מוז זי פֿאַר איהם ערשײַנען, זאָנסט גיעט ער קײן ערלויב־
ניס צו הײַראַטען.

## אויפֿטריט וויקטאָר.

וויקטאָר: מאַדאַם פּאָפּעסקאַ, מײַנע מוטער, בעזיצט נאָר
2 קינדער: וויקטאָר און לידאַ, דאָס איז אַלעס!

פּאָפּעסקאַ: וויקטאָר!

וויקטאָר: די מוטער פֿון 2 קריסטליכע עדעל־געבוי־
רענע קינדער דאַרף און קאָן זיך ניט אָפֿען ערקלערען, דאָס זי
איז די מוטער פֿון אַ יודישען זוהן. (רופֿט) זשאַן, זשאַן!

פּאָפּעסקאַ: וויקטאָר!

## אויפטריט זשאַן.

וויקטאָר: איך וויל זי זאָל הינאויסגעהן!

פּאָפּעסקאַ: זשאַן! מאַרש הינאוים! (זשאַן אָב).

דינה: מאַדאַם?!.

פּאָפּעסקא: געה יעצט, מײַן קינד, אַלעס ווירד רעכט
זײַן, פֿערליערע קײן מוט!

ל י ד אַ: קומט מיט מיר, איך וועל אייך בעגלייטען (אָב מיט דינה'ן).

וו י ק ט אָ ר: יעצט, מוטער, זאָג דאָך אַליין, ווי קאָנסטו זאָגאַר פון איינען אויגענבליק זאָ איין שריט צו מאַכען און אונז צו בלאַמירען.

פ אָ פ ע ס ק אַ: בלאַמירען?

וו י ק ט אָ ר: געוויס, די נאָבלע געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר פערקעהרען, וועט פון אונז לאַכען און זיך איבער אונז לוסטיג מאַכען. ווייסטו דען נימ, אַז דאָס אַלעס, וואָס דו ווירסט דעם ריכטער ערקלערען, וועט באַלד פערעפענטליכט ווערען אין אַלע צייטונגען? איך וועל דאָך מיך אויף דער גאַס נישט קאָנען מעהר בעווייזען פאַר שאַנדע (אין דער צייט לאָזט זי זיך געהן) מוטער! דו געהסט? וואוהין?

פ אָ פ ע ס ק אַ: ערפילען מיין מוטער-פליכט געגען מיין קינד!

וו י ק ט אָ ר: דו געהסט אַלזאָ צו'ם ריכטער?

פ אָ פ ע ס ק א: יאַ!

וו י ק ט אָ ר: און פיליייכט אויך אין דער סינאַגאָגע, אום די צערעמאָניע מיטצומאַכען.

פ אָ פ ע ס ק א: וועק פון מיינע אויגען, דו טויגעניכטס!

וו י ק ט אָ ר: מוטער!!

פ אָ פ ע ס ק א: שטעה מיר ניט אין וועג!

וו י ק ט אָ ר: מוטער, איך בעט דיך מיט גוטען מיך רוהיג אויסצוהערען.

פ אָ פ ע ס ק א: רוהיג? שוין צופיעל רוהיג בין איך ביז יעצט געווען, רוהיג און קאַלט ווי דער טוידט בין איך די אַלע יאָהרען צו מיין קינד געווען, און יעצט נאָך איינינגע 20 יאָהר זעה איך איהם וויערער פאַר מיר אַלס מאַן, און וואָס פאַר אַ מאַן? די לאַנדעס-געזעצע האָבען איהם געצוואונגען אָנצוקומען צו זיין שלעכטער מוטער מיט איינער ביטע, נישט קיין געלד, נישט קיין שטיצע פערלאַנגט ער פון מיר, נאָר אַ קליין ביסעלע מיהע, אזוי וועל איך אויך אהין געהן און פאַר דער גאַנצער וועלט אויסשריי-

ען. יא, איך בין זיינע מוטער, איך בין שטאלץ דאראויף, די מוטער פון זא א קינד צו זיין (זי וויל געהן, ער פערשטעלט איהר דעם וועג).

ו י ק ט א ר: דו בלייבסט היער, מוטער! דו געהסט קיין שריט פון דאנען.

פ א פ ע ס ק א: דו וואגסט?!

ו י ק ט א ר: יא! וויל דער פאטער איז אביועזענד ווילסט אויף זיינען נאבלען נאמען זאלכע שאנדע ברענגען? זא וויל איך, דיין זאהן, דיך פון דעם שרעקליכען שריט צוריקהאלטען, מוטער, זעהסטו דעם רעוואלווער? אין דעם זעלבען אויגענבליק, ווען דו ווערסט זיך עפענטליך ערקלערען אלס די מוטער פון יענעם יודע, אין דעם זעלבען אויגענבליק וויד איינע קוגעל דורכבויערן דאס הערץ פון דיין קריסטליכען זוהן! ווי?.. קימערט דיך גאר ניט מיין טוידט? איזט דיר פיליכט דער יודישער זוהן ליעבער, אלס איך, דיין קריסטליך קינד? דאן הערע, מוטער! נישט מיין הערץ וויד די קוגעל טרעפען, נור דאס הערץ פון דיין יודישען זוהן. אה, דו ציטערסט? אה, פאטער, וואו ביזטו? מיין נאבלער פאטער! דו האסט די גאנצע צייט געהאלטען פערבארגען דעם שטאם אונזערער מוטער; ביז פאר 8 טאגען האב איך אלס געגלויבט, דאס מיינע מוטער איזט אויך איינע קריסטין געבוירען ווי דו זא ערעל געבוירען, און אם ענדע האב איך צו מיינער שאנדע ערפאהרען דאס מיינע מוטער איז ניט מעהר א געטויפטע יודעשקע!..

פ א פ ע ס ק א: (וויינט).

## אויפטריט לידא.

ל י ד א: מוטער'ל, דו וויינסט? וויקטאר, פארוואס האסטו די מוטער געבראכט צו טרעהרען?

ו י ק ט א ר: אונזערע מוטער איז פערטיג צו געהן צום ריכטער און זיך עפענטליך ערקלערען אלס די מוטער פון יענעם יודע.

ל י ד א: זייט איהר דען ניט 2 ברידער איינענע, אזוי ווי מיר ביידע?

ו י ק ט א ר: שווייגע!

לִידאַ: אָבּער ווען די מוּטער גֶעהט ניט עָרקלֶערען פאַר דעם-געריכט, זאָ קען ער דאָך ניט הייראַטען.

וויקטאָר: זאָל ער ניט הייראַטען, וואַרוּם זאָל מען איבערהויפּט ניט פערבּיטען די יודען צוּ הייראַטען, דאַמיט זיי זאָלען זיך ניט מעהרען? אוּן וויל ער דורכאוּים הייראַטען, צוּ'ם טייפעל מיט איהם נאָך אַמעריקאַ, זאָ ווי פיעל אַנדערע פון זיינע גלויבענס-ברידער.

פּאָפּעסקאַ: 2 זיהן האָבּ איך אויף דער וועלט געבּראַכט, אוּנטער דעם זעלבּען הערצען האָבּ איך זיי בּיידע געטראָגען. 2 בּרידער זענען זיי, יעקב אוּן עשו. עשו, זאָג, וואָס פאַר אַ שלעכטעס האָט דיר דיין בּרודער יעקב געטהון, וואָס דוּ בּיזט איהם אַזאַ בּיטערער שונא? עשו, עשו!

וויקטאָר: זשידאָווקאַ! (אָבּ).

לִידאַ: מוּטער'ל, ער וויל דיך זעהן.

פּאָפּעסקאַ: ער? ער?

לִידאַ: יאַ, מוּטער'ל, ער, דיין געפונענע קינד.

פּאָפּעסקאַ: יעקב?

לִידאַ: זאָל איך איהם אַריינפיהרען, מוּטער'ל?

פּאָפּעסקאַ: יאַ!

אויפטריט יעקב, (בּלייבּט שטעהן אין טהיר).

פּאָפּעסקאַ: וואַרוּם ווילסטוּ ניט זיצען, יעקב?

יעקב: גנעדיגע פרוי, פאַר אייך שטעהט איין אוּנגליקליכער, וועלכער קוּמט צוּ אייך מיט איין בּיטע.

פּאָפּעסקאַ: פאַרוואָס רוּפסטוּ מיך גנעדיגע פרוי?

יעקב: וועלכען אַנדער'ן טיטוּל זאָל איך אייך געבּען? איהר האָט מיר דאָס לעבּען געשענקט אוּן דאָך זענען מיר פרעמדע.

פּאָפּעסקאַ: פרעמדע?

יעקב: ווען איין קינד געבּרויכט דעם הייליגען נאָמען מוּטער, איז עס ניט דערפאַר, ווייל זי האָט איהם אויף דער וועלט געבּראַכט, נוּר פאַר די מוּטערליכע, צערטליכע ליעבּע, מיט וועלכער זי ערציהט דאָס קינד. נאָר דערפאַר קוּמט איהר דער

טיִשול מוטער; ווען אָבער אַ פֿרוי וואַרפֿט אַוועק איִהר קיִנד אָהנע זיִך צו קיִמערן, וואָס דערפֿון וועט ווערען, און שפּעטער מיִט יאָהרען בעגעגענען זיי זיִך צופֿעליִג אויף זייער לעבענס-וועג, זענען זיי דען מעהר וויִ צוויי וויִלד פֿרעמדע?

פּאָפּעסקאַ: ביִזט גרויזאַם, אָבער דאָך האָסטו רעכט.

## אויפֿטריט לידאַ.

ליִדאַ: מוטער׳ל, איִך האָב דיִר געוואָלט פֿרעגען... אַך פּאַרדאָן!

יעקב: לאָזט אייך דורך מיִך ניט שטערן, פֿרייליִן, אייער קיִנדער-ליִעבע צו אייער מוטער ערקוויִקט איינעם דאָס הערץ צוצוזעהן... איִך האָב דיִעזעם הייליִגעם וואָרט ניִע אויסגעשפּראָכען, איִך האָב ניִט געהאַט צו וועמען צו זאָגען, איִך געדענק עס נאָך וויִ היינט, ווען איִך פֿלעג מיִך צוזאַמענקומען מיִט אַנדערע קינדער און איִך האָב געזעהן דיִ אַנדערע קיִנדער אומאַרמענדיִג און קושענדיִג זייערע מאַמעס, אוי, וויִ איִז מיִר מיין קיִנדיִש הערצעלע צעבראָכען געוואָרען, וויִ האָב איִך דיִ אַנדערע קיִנדער מקנא געווען. וואו איִז מיין מאַמע?—האָב איִך נעפֿרעגט, אָבער מיין פֿאָטער האָט מיִר איינגערעדט, אַז מיין מוטער איִז געשטאָרבען, וועהרענד מיין מאַמע האָט געלעבט, נאָר איך האָב זיִ ניִט געהאַט. יעצט ביִן איִך אַ מאַן. דורך אייגענע מיִה האָב איִך מיִר אַליין אַ קאַריערע געשאַפֿען, און איִך וויִל מיִר יעצט גריִנדען מיין אייגענעם הויז, מיין אייגענע פֿאַמיִליִע. און ווער שטעהט מיִר איִן וועג? דיִ זעלבע פֿרוי, וועלכע האָט פֿאַר מיִר נאָך אַלס קיִנד איִהר מוטער-הערץ פֿערשלאָסען.

ליִדאַ: מיינע מוטער איִז אייך זעהר איבערגעגעבען, גלויבט עס מיִר.

יעקב: ווער קאָן אייך דען ניִט גלויבען, פֿרייליִן, ציִיט דעם ערשטען מאָמענט, וואָס איִך האָב אייך קענען געלערנט, זייט איִהר איִן מיינע אויגען וויִ אַ גוטער אונשולדיִגער מלאך.

ליִדאַ: איִך ביִן ביי אייך אַלס אַ פֿרעמדע. פֿאַרוואָס ווילט איִהר מיִך ניִט רופֿען שוועסטער?

יעקב: (וויינענד) שוועסטער, גוטע שוועסטער.

לידא: און אז איך בין אייער שוועסטער, איז זי דאך אייער מוטער, געה דאך צו אונזער מוטער.

יעקב: (געהט צו דער מוטער, אין דער צייט קומט אריין וויקטאר).

וויקטאר: וואס זעה איך? וואס זוכט דיעזער פרעמדער אין אונזער הויז? מארש הינאויס פון היער.

פאפעסקא: זעהן וויל איך יעצט, ווער עס איז אימשטאנד מוטער און קינד אויסאיינאנדערצורייסען.

וויקטאר: נאך איין ווארט און... (ציהט דעם רעוואלווער).

פאפעסקא: געה, געה, אה... (פאזיציאן).

יעקב: יא, איך געה, אלס פרעמדער האב איך דיעזעס הויז בעטרעטען און אלס פרעמדער געה איך פון דאנען (וויינ־) זעהט, מאדאם! פאר אייך שטעהען יעצט בײדע זיהן, איינער איז דא און איבעראל ביי זיך אין דער היים, און דער אנדערער איז א פרעמדער אהן א היים; אויף דער זעלבער ערד געבוירען, אין דעם זעלבען לאנד ערצויגען — איינער האט א פאטער־לאנד, דער אנדערער האט קיינס. איך בין דאך אויך אזא מענש ווי ער — ער אבער האט אלע מענשען־רעכטע, איך האב קיינע. און דאך האט איינע און די זעלבע פרוי אונז דאס לעבען געשענקט. איהר פרעגט, מאדאם, ווער עס שטעהט צווישען אונז בײדע און רייסט אונז פונאנדער? נישט אייער קריסטליכער זוהן, מאדאם, נאר דער שאטען פון אייער יודישען מאן, וועמענס הערץ איהר האט צעבראכען, דער שאטען פון מיין יודישען פאטער, וועלכער קאן אייך ניט מוחל זיין, און דאס זעלבע קאן אויך ניט טהון זיין יודיש קינד! פרעמדע זענען מיר געוועזען און פרעמדע בלייבען מיר אויך ווייטער, פרעמדע, פרעמדע. (ער פאלט ביי דער טהיר וויינענד, וויקטאר ציהט דעם רעוואלווער, פאזיציאן).

(פארהאנג פאלט).

## דריטער אקט.

(דאָס זעלבע צימער וואָס אין צווייטען אקט).

סערקע: וואָס-זשע גערהסטו נאָך אַזוי אַרום מיט יסורים, משה'ניו? שוין! זי איז דאָך שוין ווידער אוים כּלה און ווידער אַ מויד. איך האָב דאָך דיר ערצעהלט, אַז דאָ איז אַזאַ מנהג, אַז אַפילו די יודישע חתן-כּלה מוזען אויך פריהער געהן צו'ם... ווי הייסט ער דאָרט? און פריהער החתונה האָבען אויף גויאיש, אײדער זיי האָבען חתונה אויף יודיש, און זיי ביידע, דינה'לע מיט יענעם, זענען דאָרט געוועזען, אָבער דורך זיין מאַמע-רא האָט מען זיי ניט געוואָלט געבען די גויאישע חופּה וקדושין. עס איז דאָרטען אַ גאַנצע סומאַטאָכע צווישען דער משומדת מיט איהר זוהנעראָ. דער שפּיץ איז, אַז זי קאָן נישט חתונה האָבען... וואָס-זשע נאָך זיפצסטו, משה'ניו?

משה: שוועסטער לעבען, איך וועל דיך אָבגילדען, איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ גביר'טע, אַז דו זאָלסט זעהן פועל'ן, אַז דינה'לע זאָל סוף כּל סוף ווערען מיין פּלונית'טע, פּשוט איז פּשוט, איך האָב מיך אין איהר אַזוי שטאַרק אַריינגעלאָזט, אַז וואָס שווערער זי קומט מיר אָן, אַלץ שטאַרקער ברענט אין מיר דער יצר-הרע.

סערקעלע: משה'ניו, הער, וואָס סערקעלע זאָגט דיר, דינה'לע איז שוין אַזוי ווי ביי דיר אין קעשענע. אָט קומט זי טאַקע אויף דעם אמת.

### אויפטריט למך און דינה.

למך: נישט וויינען, דינה'לע, גאָט וועט דיך ניט פערלאָזען.

סערקעלע: הער-זשע, למך! איך ווייס, פון וואַנען דו קומסט מיט איהר, איך ווייס, אַז דו ביזט געוועזען פאַרטיג צו ווערען אַ מחותן, און איך בין שוין געוועזען גרייט דיך אויפצונעהמען

ווי א מחותן, נאָר צו דיין גליק איז דערפֿון סיי־ווי־סיי גאָרניט געוואָרען. מילא דו, למך, מעגסט גומל בענשען, נאָר דו, רינה׳לע, זאָג אליין, דאַרפֿסטו נאָך האָבען א בעסערען סימן, אַז יענער איז ניט דיין זווג? משה׳ניו, וואָס־זשע שטעהסטו פֿון דער־ווייטענס?

משה: איז וואָס־זשע האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, דינה׳־לע? אמת איך בין ניט קיין היינט-מאָדישער, און איך בין מיט עטליכע יאָהר עלטער פֿון דיר, נאָר מעגסט מיר גלויבען, אַז מיין ערשטע ווייב, דיר צו לענגערע יאָהר, אַז זי פֿלעגט קומען שבת אין שוהל אריין בעהאַנגען מיט ציערונג פֿון קאָפּ ביז פֿיס, פֿלעגען אלע ווייבער אַרויסקריכען די אויגען קוקענדיג אויף איהר. נו, דאַרף זיך נאָך א ווייב בעסער ווינשען?

למך: הער־זשע, שוואָגער, וואָס איך...

סערקע: דו שווייג, מיט דיר וועל איך מיך אויס׳טענה׳ן שפּעטער, אצונד וויל איך הערען, וואָס אונזער מאַכטער זאָגט!

למך: אונזער טאָכטער?

דינה: מוהמע׳ניו, ווייסט איהר וועגען וואָס איך בין אצונד געקומען?

סערקע: וואָס דען, איך ווייס ניט? וויל דו האָסט סוף כל סוף אַרויסגעזעהן, אַז דו אליין ביזט נאָך א קינד און ווייסט ניט, וואָס עס טהוט זיך מיט דיר, און דער טאַטע דיינער איז מ׳שטיינס געזאָגט ניט מעהר ווי א ציגענע באָבקע, און טאַקע נאָר איך בין דיר ווי א מאַמע. ביזטו צוריקגעקומען מיך בעטען, איך זאָל דיר מוחל זיין, נו, אַז דו בעטסט מיך אַזוי שטאַרק, בין איך דיר אַודאי מוחל.

דינה: דאַרף איך בעטען, מוהמע׳ניו, איהר זאָלט מיך לאָ־זען אויסרעדען?

סערקע: אדרבה, לאָ׳מיך שוין הערען אמאָל א וואָרט פֿון דיר!

דינה: אַלזאָ הערט, מוהמע׳ניו! מיין קומען צוריק אַהיים איז נאָר צו דעם צוועק, וויל...

סערקע: וויל דו זעהסט ערשט אצונד, ווער עס איז דיין

אמת'ער זווג ביזטו געקומען אונז זאָגען, אַז מיר זאָלען זיך צו־גרייטען צו די תנאים אין אַ גוטער שעה. בקיצור, איך וועל מיך ניט לאָזען קיין סך בעטען און לאָז גאָט געבען, עס זאָל זיין אין אַ שעה מוצלחת און מזל־טוב. (ברעכט טעלער).

## אויפטריט הערמאַן.

הערמאַן: וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ מזל־טוב?

סערקעלע: משה'ניו, חתן דומה למלך! וואָס־זשע געהסטו ניט צו דיין כלה געבען דעם ערשטען קוש?

הערמאַן: פּאַוואָלע, פעטער משה פון בימשוטש.

סערקע: ווער האָט נאָך דיר געשיקט? וואָס קהל'סטו דיך דאָ?

הערמאַן: שוויגער, זייט אַזוי גוט און שרייט ניט אַזוי אויף מיר, וואָרום איך קאָן העכער שרייען!

סערקע: חוצפה'ניק! מאַך צו דעם פיסק!

הערמאַן (העכער): יאָ, שוויגער, צומאַכען וועל איך דעם פיסק, אָבער ווייסט איהר ועמענס? אייער פיסק!

סערקע: שייגעץ, אַרויס פון מיין שטוב!

הערמאַן (שרייט העכער): שוויגער, איך הער אייך ווי די קאַץ!

סערקע: זאָלסטו אַזוי כח האָבען צו לעבען, ווי איך האָב כח דיך איבערצושרייען.

הערמאַן: און יעצט, נאָך דעם ווי איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט דער שוויגער, יעצט ווענדע איך מיך צו אייך, פעטער משה פון בימשוטש, זאָגט מיר, וואָס ווילט איהר האָבען פון דעם אָרים קינד, איהר אַלטער טפש?

משה: דו עזות־פנים, צו ועמען רעדסטו?

הערמאַן: צו אייך! איהר קליין־שטערטעלדיגער יאָלד, ווייסט איהר פון וואַנען איך קום עבען יעצט? פון מיין פריינד, פון איהר חתן יעקב.

סערקע (שפּרינגט אויף): שטום! איך וויל זיין נאָמען ניט הערען ביי מיר אין שטוב!

**הערמאן** (שרייט אין איהר אויער): ניט צו אייך רעד איך, שוויגער!

**סערקע**: אוי, אז שרייען זאלסטו שוין אויף וואס איך ווייס!

**הערמאן**: נאר צו אייך רעד איך, פעטער משה פון ביטשוטש! איהר זאלט ניט מיינען, אז מיין פריינד יעקב, וויל ער קאן דא ניט חתונה האבען מיט זיין דינה'לען, איז שוין צווישען זיי אויס שידוך. נאר ווייסט איהר וואס ער האט בעשלאסען? אז ער און זיין געטרייע דינה'לע זאלען פון דאנען אויסוואנדערן, יא, זיי פאהרען באלד נאך דעם פרייען אמעריקא, דארט, וואו קיינער וועט זיי ניט פערוועהרען זיך גליקליך צו פעראייניגען, און דינה'לע איז נאר דעריבער אהערצו געקומען, אום צו נעהמען איהרע קליידער, און אלעס וואס איז איהרס.

**דינה**: יא, מוהמע'ניו, וועגען דעם בין איך יעצט געקומען נאך איין מאל אהיים און זעלבסטפערשטענדליך, אום מיך אויך מיט אייך צו געזעגענען, און אייך טויזענד מאל דאנקען פאר דער גוטער בעהאנדלונג.

**למך**: נישטא פארוואס!

**סערקע**: פארוואס-זשע האסטו עס מיר באלד ניט געזאגט?

**דינה**: ווען האט איהר מיך דען געלאזט צו'םווארט קומען?

**סערקע**: נו, און דו, למך? דו שטעהסט פון דערווייטענס און שאקעלסט מיט'ן קאפ?

**למך**: פע... פערשטעהסטו מיך!

**סערקע** (קרימט איהם נאך): פע, פערשטעהסטו מיך, וואס קייעסטו, קליאטשע? למך, מיין ניט, אז א למך שפיעלט זיך מיט דיר! למך, נישט א פארים לאז איך זי פון דאנען ארויסנעהמען!

**דינה**: וואס הער איך? מיין אייגענטום, וואס איך האב מיר ערווארבען דורך יאהרען לאנגער שווערער מיה, ווילט איהר מיר פערהאלטען? מיט וועלכען רעכט?

**סערקע**: האב איך דיך ניט אויפגעהאדעוועט פון קליינווייז אויף? האב איך גארניט קיין דעה איבער דיר? אנטלויפען ווילסטו נאר מיט א פאלאפאוניק קיין מאלאמעריקא? סיידען איך

וועל ניט לעבען. קום מיט מיר, משה'ניו, זי פֿאָהרט נאָך ניט, פֿערלאָז דיך אויף דיין שוועסטער סערקעלען! קום. ברודער, מיט מיר. (שלעפּט איהם אָב).

הערמאַן: און דו, דינה'לע, קום מיט מיר. זעהן וויל איך, אויב זי וועט וואַגען עפּעס צוריקצוהאַלטען פֿון דעם, וואָס דיר געהערט. קומט אויך מיט, פֿערשלאָפֿענער טאַטע. (אַלע דריי אָב. מען הערט פֿון שטוב זיך שלאָגען).

למך (ערשיינט אַ צעשלאָגענער): דאָס הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז זיי וועלען אַזוי לאַנג שרייען און אַזוי לאַנג זיך אויסטענה'ן, ביז איך וועל אַרוים דער פֿער'משפּט'ער. אוי, מיין קאָפּ!

## אויפֿטריט הערמאַן (אויך צעשלאָגען).

הערמאַן: נו, וואָס זאָגט איהר דאַרויף?

למך: אוי, שלעכט!

הערמאַן: וואו זענט איהר פּלוצלונג אַהינגעקומען, רבי למך? איהר זענט גאָר אַנטלאָפֿען?

למך: האָסטו דען ניט געזעהן, ווי אַזוי סערקעלע האָט מיך אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען! נו, און דו אַליין, קוק דיך נאָך, און וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט, הערמאַן. זאָג מיר, וואָס טהוט זיך דאָרט מיט מיין אָרים קינד נעביך?

הערמאַן: זיי טענה'ן דאָרט ווייטער, אָבער שוין אַביסעלע געלאַסענער, ווייל מיין ראָזעלע, מיין פֿרוי, איז אויך אַצונד אַהינגעקומען און זיי טענה'ן זיך פֿאַר איהר אוים.

למך: זי זאָל צווישען זיי משפּט'ן סערקעלעס טאָכטער?

הערמאַן: רבי למך! רופֿט ניט מיין פֿרוי מיט דעם נאָמען סערקעלעס טאָכטער. אמת, סערקעלע איז איהר מאַמע, אָבער איך בין איהר מאַן און איך היים ניט למך. וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר שפּאָטיש? האָט איהר דען ניט געהערט, ווי איך טענה מיך אוים מיט מיין שוויגער?

למך: בע, אַקעגען אַ שוויגער וואָלט איך אויך אפשר געקאָנט זיין אַ חכם, אַ גבּור, אָבער אַקעגען אַ ווייב, אוי, שלעכט!

הערמאַן (שטאָלץ): וואָס איז דער חילוק? זעהט איהר

חאָטש איך האָב ליעב מײַן װײַב, פֿון דעסטװעגען האָב איך זי אױסגעלערנט אױף מיר צו קוקען װי אױף איהר געבּיטער, איהר הערשער. איהר מעגט לאַכען, אָבער עס איז דאָך אַזױ, איך ליעג ניט אונטער מײַן װײַב׳ס פּאַנטאָפֿעל אַזױ װי איהר. איך הײס ניט למך. װאָס לאַכט איהר פֿון מיר װיל איך װיסען?

למך: װײַל.. נאָר, שאַ, אָט קומען זײ בײדע אהער.

## אױפֿטריט סערקע און ראָזאַ.

למך און הערמאַן בעהאַלטען זיך אונטער דער שאַפֿע.

סערקע: אַז איך זאָג, זי װעט ניט פֿאָהרען, נו, האָסט דאָך אָנגעהױבען מיר דערצעהלען פֿון דײַן שלים׳מזל...

ראָזאַ: מאַמע, רוף ניט מײַן מאַן מיט דעם זעלבען נאָמען װי דו רופֿסט דײַן מאַן.

הערמאַן: איהר הערט?

למך: יוארט אַביסעלע.

ראָזאַ: קוק, מאַמע, אױף מײַנע אױערען.

סערקע: אָט דאָס זענען די אױערינגלעך? האָט ער זײ דיר דאָך געקױפֿט?

ראָזאַ: איך האָב נאָר געגעבען אַ קװעטש מיט די אױגען װי דו האָסט מיך געלערנט, איז ער באַלד געלאָפֿען אָהן אַ נשמה און האָט זײ מיר געבראַכט.

הערמאַן: װאָס זאָגט זי? (װיל צולױפֿען).

למך (לאָזט איהם ניט): װאַרט אַביסעלע.

ראָזאַ: װי געפֿעלען זײ דיר, מאַמעניו?

סערקע: מיר געפֿעלען זײ נאָר דערפֿאַר, װײַל דו האָסט אױסגעפֿיהרט. נו, טאָכטער, האָט דיך דײַן מאַמע גוט געראַטען?

ראָזאַ: מאַמע׳ניו, איך מוז דיר זאָגען, אַז דו ביזט אַ חכמת. דו זאָלסט געװען זעהן, װי מײַנע טרעהרען האָבען איהם פֿערקלעמט בײַ׳ם הארצען. חאַ—חאַ—חאַ.

הערמאַן: פֿון װעמען לאַכען זײ?

למך: לאַך אױך, װעט מען ניט װיסען פֿון װעמען מען לאַכט.

ס ע ר ק ע: איז דיר עפּעס שווער אָנגעקומען צו וויינען פֿאַר איהם?

ר אָ ז אַ: ניין, מאַמע, גאָר ניט שווער. מיינע אויגען האָבען געגאָסען מיט טרעהרען, אָבער אין האַרצען האָב איך אַזוי געלאַכט, חאַ—חאַ—חאַ—אַ. איך האָב גאָרניט געוואוסט, ווי גרינג עס איז אָבצונאַרען אַ מאַן, חאַ—חאַ—חאַ.

ה ע ר מ אַ ן (רייסט זיך אַרויס מיט'ן שטעקען): וואָס!!!

ר אָ ז אַ: אוי, ער האָט געהערט! אוי וועה איז מיר!

ס ע ר ק ע: אוי זאָל זיין אונזערע שונאים! וואָס ביזטו אַזוי בטל געוואָרען פֿאַר איהם? ער האָט געהערט? ווער עס שטעהט אונטער דער וואַנד, דער הערט זיין שאַנד.

ה ע ר מ אַ ן: האַלט ס'מויל, אַלטע קלעמפּע!

ל מ ך: איי גוט, אַט דאָס וואָלט איך געדאַרפט קאָנען!

ס ע ר ק ע· למך! אַ שוואַרצער חלום אויף דיין קאָפּ! וואָס שטעהסטו פֿון דערווייטענס און לאַכסט? עס טהוט דיר הנאה?

ל מ ך: פֿערשטעהסטו מיך, סערקעלע, מיר טהוט אַצונד הנאה נאָר דערפֿאַר, ווייל אַצונד האָסטו צו טהון מיט דיין טאָכטער. אפשר וועסטו דעריבער פֿערגעסען אָן מיין טאָכטער?

ר אָ ז אַ: הערמאַן, זיי ניט אויסער דיר און הער מיך אויספריהער.

ה ע ר מ אַ ן: ניין, פֿון דיר וויל איך גאָרניט הערען, דען וואָס דו וועסט מיר זאָגען, וועל איך דיר ניט מעהר גלויבען. פֿערלוירען האָב איך יעצט מיין גאַנץ צוטרויען צו דיר. דו האָסט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך קאָן ניט זעהן קיין טרעהרען, איבערהויפּט טרעהרען פֿון דיינע אויגען, און דו האָסט דיך דערמיט די געלעגענהייט אויסגענוצט, אום נאָכהער פֿון דיין גוטהאַרציגען מאַן זיך אויסצולאַכען צוזאַמען מיט דיין לעהרערין.

ר אָ ז אַ: הערמאַן!

ה ע ר מ אַ ן: איך וויל דיך ניט הערען, דיין וויינען איז איין אָנשטעל, דיינע טרעהרען זענען געקינסטעלטע. ווייסטו וואָס טרעהרען זענען? טרעהרען זענען געגעבען געוואָרען דעם מענשען אין זיין אונגליק, אום דורך זיי זיין שמערץ צו לינדערן, טרעהרען

זענען הײליג, אָבער דו האָסט דערפון געמאַכט אַ קינדער-שפּיעל, אַ קאָמעדיע, דערמיט האָסטו מיר איבערצײגט, אַז דו ביזט טאַקע ניט מעהר װי סערקעלעס טאָכטער.

ס ע ר ק ע (שטאָלץ): אויב סערקעלעס טאָכטער געפעלט דיר ניט, קאָנסטו דיר שוין העלפען.

ר אָ ז אַ: װאָס טהוסטו, מאַמע? ברענגסט איהם נאָך ערגער אין כעס אַרײן.

ס ע ר ק ע: האָב איהם אין דער ערד! אײנס פון בײדע: האָט ער דיך ליעב, זאָל ער ליעגען צו דײנע פיס, װי אַ הונד, האָט ער דיך ניט ליעב, צו װאָס טויג ער דיר?

ר אָ ז אַ: אוי, מאַמע, פאַרװאָס האָב איך דיר געפאָלגט?!

## אויפטריט משה.

מ ש ה: שװעסטער, עס איז בחנם.

ס ע ר ק ע: װאָס איז בחנם?

מ ש ה: איך האָב גערעדט מיט איהר, איך האָב איהר צוגעזאָגט דאָס טעלער'ל פון הימעל, איך האָב איהר צוגעזאָגט עולם-הזה און עולם-הבא, און מײנע װערטער האָבען זיך געקלעפּט פונקט אַזוי װי אַנ'אַרבעס צו'ם װאַנד.

ס ע ר ק ע: װאו איז זי? לאָז מיך נאָר צו איהר!

מ ש ה: זי איז שוין אַװעק צו יענעם.

ס ע ר ק ע: נו, און די קלײדער און זאַכען?

מ ש ה: פאַר אַלע נויטען זאָגט זי װעט זי אַװעק װי זי שטעהט און געהט נאָך אַמעריקאַ.

ס ע ר ק ע: סײדען איך װעל ניט לעבען.

מ ש ה: איך פערשטעה ניט. דו װעסט איהר דעם װעג פערשטעלען?

ס ע ר ק ע: װאָס פערשטעהט איהר דען יאָ? איהר מענער מ'שטײנס געזאָגט, װאו איז ערגעץ מײן למך? למך, ביזט טויב געװאָרען? קום אַהער צו מיר.

ל מ ך: אַז דו דאַרפסט מיך, קום אַהער צו מיר.

סערקע: וואָס איז דאָס פּלוצלונג פאַר אַ נײַעס? וואו האָסט געזעהן, למך?

למך: צו מײַנע קינדערלעך, ווײַל איך וויל זײַ בײדען מיטגעבען די ברכה פון אַ טאַטען, אײדער זײַ פאָהרען בשלום אַוועק פון דאַנען.

סערקע: למך, אָט הערען מענשען! קוים טרעטסטו נאָר איבער די שוועל פון יענעם, טאָרסטו מיר ניט קומען פאַר מײַנע אויגען.

למך: וועל איך אויפהויבען בײדע הענד צו'ם הימעל און מאַכען אַ ברכה ברוך שפּטרני.

סערקע: וואָס איז פּלוצלונג געוואָרען מיט מײַן למך'ן?

משה: וואָס וואונדערסטו זיך, שוועסטער? זעהסטו דען ניט, אַז דײַן אײדעמעל דער חוצפּה'ניק בלאָזט איהם אין די אויערען! וואַרט, איך וועל אײַך ווײַזען. (אָב).

סערקע: נו, טאָכטער, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דײַנעם און צו מײַנעם? זײַ נאָר אַ שטאָלץ פון אונזערע מענער!

(הערמאַן לערנט למך'ן פערשידענע סצענעס).

למך: הײַנט זענען מיר די קנאַקערס!

ראָזאַ: אַ נו, מאַמע, דערצעהל זײַ אונמישנע, ווי דער פעטער משה האָט דיר דערצעהלט, וואָס עס וועט זײַן, אַז מיר וועלען זײַן אין ארץ-ישראל.

הערמאַן: איך שטעל מיר שוין פאָר, וואָס אין ארץ-ישראל וועט זיך אָבטהון, אַז די ווײַבער וועלען זײַן דאָרט די קנאַקערס.

## געזאַנג (קוואַרטעט).

טענער: אין אַמעריקאַ האָט דאָך דרך-ארץ די פרוי פאַר
דעם מאַן,
דאָס ווײַב קומט צוערשט, דער מאַן מוז דער לעצטער זײַן.

ווײַבער: קומט, ווײַבער, לאָמיר לויפען
קײן ציון אין אונזער לאַנד,
דאָרט האָבען וועט די גאַנצע דעה די יודענע אין דער האַנד.

ווי אין אמעריקא פונקט דאָ
מאַכען מיר איין געזעץ.
דער מאַן קומט אָן, דער אויבען־אָן, דעם מאַן אונטען אלץ,
דער מאַן, וואס טהוט ער דאַן, ווען ער איז מיט זיין ווייבעלע אליין?
איי גוט, — גוט.
טענער: שלעכט, שלעכט!
ער חאַפּט זי אָן און קלאַפּט זי אָן,
עס האָט קיינער ניט געזעהן,
איי גוט, גוט.
ווייבער: שלעכט, שלעכט!
דאָס ווייב מאַכט אַ געשריי, קומט אָן פּאָליציי,
מען חאַפּט דעם מאַן, מען זעצט איהם איין ביז פריה,
איי גוט, גוט.
טענער: איי שלעכט, שלעכט!
אלע: איי שלעכט... גוט...
איך שטעל מיר שוין פאָר, וואס אַמאָל וועט זיך אָבטהון
אין ארץ־ישראל, ווען סאָסע און לאה, די גאַנצע בעל־
דעה, וועט זיין אין קהל.
טענער: חיה און פיה אַ גענעראַל,
ווייבער: בערל און שמערל אַ קאַפּראַל.
אלע: איך שטעל מיר שוין פאָר, וואס אַמאָל וועט זיך אָב־
טהון אין ארץ־ישראל. איי, איי, איי, איי. (ביס). (טאַנצען).
(פאָרהאַנג פאַלט).

---

# פערוואנדלונג.

(אַן'איינפאַך צימער ביי יעקב'ן. ער ליעגט קראַנק).

דינה (זינגט): האָפנונג! האָסט מיך שטאַרק בעטראָגען,
האָסט צערשטערט מיין לעבען, מיין טרייסט,
מיר בלייבט יעצט נאָר וויינען און קלאָגען,
און מיין ענדע נאָר איין גאָט ווייסט.
דאָך בין יודין פון געבוירען,

אוּן דער יוּד האָט צרות פֿיעל מעַהר,
נאָך האָט ער ניט זײַן מוּט פֿערלוירען,
אוּן איך װעל זײַן אַזוֹי װי ער.
איך האָף אוּן האָב אױך געדוּלד.
רעפֿרײַן: װיפֿיעל צרות דער יוּדעלע האָט,
האָפֿט ער אימער צוּ זײַן ליעבען גאָט,
דאָס האָט איהם נאָך ניט פֿערפֿיהרט,
ער לעבט אוּן עקזיסטירט,
אוּן חאָטש די צרות זענען אָהן אַ ברעג,
דאָך פֿיהרט עס איהם ניט אַראָב פֿוּן װעג.
ער טראָגט אַריבער יעדען שמערץ,
װײַל ער האָט אַ יוּדיש הערץ. (בּיס).
נאָר אין װײנען אוּן טרעהרען
איז ערצױגען אוּנזער נאַציאָן,
זײַן געװײן דאַרף זיך װײַט הערען,
אוּן דערגרײכען ביז צוּ גאָטס טראָהן.
אָה, דאָרטען שחיטות אוּן פּאָגראָמען,
דאָרט טרײַבט מען איהם פֿוּן לאַנד אַרױס,
דאָך פֿערבײַט ער ניט גאָטס נאָמען.
אֶחד — דאָס שרײַט ער מוּטיג אױס,
ער האָפֿט אוּן האָט אױך געדוּלד. (רעפֿרײַן)...

(מען הערט קלאַפּען).

דינה: הערײַן!

## אױפֿטריט מאַדאַם פּאָפּעסקאַ.

פּאָפּעסקאַ: קאָן מען זעהן דעם הערן יעקב?

דינה: דאָרט, מאַדאַם, אין זײַן שלאָף צימער ליעגט ער יעצט.

פּאָפּעסקאַ: אוּן ער פֿיהלט אוּנװאָהל?

דינה: זײַט ער איז צוּריקגעקומען פֿוּן אײַער הױז, מאַדאַם. די ביטערע ענטטױשוּנג אוּן זײַן אױפֿרעגוּנג האָבען זײַן געזוּנדהײַט ערשיטערט זאָ, דאָס ער ליעגט צוּ'ם בעט.

פּאָפּעָסקאַ: דארף איך זעָהן?

דינה: אָה, מאַדאַם, איך בּיטעָ אײַך, דעָר־דאָקטאָר האָט איהם געָהײַסעָן רוהעָן אין אײַעָר אָנבּליק וועָט איהם געָוויס אויפרעָגעָן און איהם שאַדעָן.

פּאָפּעָסקאַ: האָבּ קײַן אַנגסט, מײַן קינד, איך וועָל איהם זײַן רוה ניט שטעָרעָן, נאָר פאַר אײַנעָ קורצעָ ווײַלעָ לאָז מיך דאָ איבּעָר מיט איהם אַלײַן.

דינה: אָבּעָר, מאַדאַם, עָר שלאָפט יעָצט אונד...

פּאָפּעָסקאַ: גלויבּעָ מיר, ליעבּעס קינד, איך וועָל איהם גאָרנים ניט וועָה טהון (דינה געָהט צו'ם הינטעָרגרונד, פעָרציהט דאָם פאָרהאַנג פון בּעָט) אָה, העָרליכעָס בּילד, העָרץ עָרקוויקעָנדעָ עָרשײַנונג! מײַן יודיש קינד, גלויבּעָ עָס מיר, נאָך ניע האָט אײַנעָ מוטעָר זאָ געָליעבּט איהר קינד, ווי איך האָבּ דיך ליעבּ, מײַן יעקב. פעָרוואָרפעָנעָס ווײַבּ, ווי אַזוי האָבּ איך דאַמאָלס געָקאָנט אַזאַ שוידעָרהאַפטעָס פעָרבּרעָכעָן בּעָגעָהן, און... אוי ווי בּיטעָר איז יעָצט מײַן חרטה, קאָנסטו עָס אַמאָל דײַן מאַמעָן מוחל זײַן? גוט קינד מײַנס, יודיש קינד מײַנס! (פאַלט ווײנעָנד אויף זײַן בּעָט).

יעקב (עָרוואַכט): איהר זײַט עָס, מאַדאַם? אין דיזעָר שטעָלונג? שטעָהט אויף, מאַדאַם!

פּאָפּעָסקאַ: נײַן, ניט פריהעָר, בּיז דו זאָגסט מיר צו אַז דו וועָסט מיך אויסהעָרעָן.

יעקב: יאַ, אָבּעָר פריהעָר נעָהמט פּלאַץ, בּיטעָ, וואָס איז אײַעָר וואונש, מאַדאַם?

פּאָפּעָסקאַ: יעקב, איך רעָד יעָצט צו דיר ווי צו אײַן עָרוואַקסעָנעָם מאַן, יעקב. דו ווילסט הײַראַטעָן, פריהעָר אָבּעָר בּעָט איך דיך מיך צו עָנטפעָרן: האָסטו דײַן דינה'לעָן ליעבּ? זעָהר ליעבּ?

יעקב: אַזוי ליעבּ, אַז איך וואָלט אויך מײַן לעָבּעָן פאַר איהר געָאָפּפעָרט!

פּאָפּעָסקאַ: גאָט זײַ דאַנק, יעקב, קאָנסטו די מאַכט פון ליעבּעָ, און דו וועָסט מיך פעָרשטעָהן. ווען איך האָבּ מיט דײַן פאָטעָר געָהײַראַטעָט, בּין איך געָוועָן אַקינד פון 15 יאָהר.

ניִשט אוים לִיבּע בּין איך זײַן פרוי געוואָרען, נאָר מײַנע אָרי-
מע עלטערן האָבּען מיִך צו דעם רײַכֿען מאַן געצוואונגען. 3 יאָהר
שפּעטער האָט דער צופֿאַל מיִך צוזאמענגעפיִהרט מיִט מײַן
יעצטיִגען מאַן, און איִך האָבּ אויך דאַמאָלס געלִיעבּט, אַזוי ווי
אײַן 18-יעהריִגע לִיעבּט צו׳ם ערשטען מאָל אין איִהר לעבען.
איִהם האָבּ איִך אַלעס געאָפּפערט, דען דאָס געפיִהל פון מײַן ער-
שטער לִיעבּע האָט מיִך ווי בּערױשט, פערשכּור׳ט, איִך האָבּ גע-
האַנדעלט אָהן בּעדענקען, אָהן איִבּערלעגונג. איִך בּין עלטער
געוואָרען. דער ערשטער רויש איִז פאָראיִבּער, איִך האָבּ מיִט דער
צײַט מיִך אַלע מאָל מעהר און מעהר דערמאָהנט אָן די מײַניִגע,
וועלכֿע איִך האָבּ איִבּערגעלאָזט אין מײַן יודיִשער הײַם (ציטערט).
איִבּערהויפּט אָן מײַן קיִנד, וועלכֿעס איִך האָבּ איִבּערגעלאָזט אין
דער וויִעג, אָה, ניִשט אײַן מאָל איִז מיִר אָנגעקומען אײַן
בּרענענדע בּענקעניִש, און ווי אַ משוגע׳נע האָבּ איִך געוואָלט
לויפען אין דער וועלט אַרײַן, לויפען, אום מײַן קיִנד וויִעדער צו
געפיִנען. אָבּער איִך בּין שוין דאַמאָלס אויך געוועזען מוטער פון
מײַנע 2 קריִסטלִיִכֿע קיִנדער, און אויך זײַ זענען נאָך געלעגען
אין זײַערע וויִעגעלעך (וויינט). און דיִעזעס מוטער-האַרץ איִז געוואָרען
אין צווײַען צעריִסען. איִך האָבּ ניִט געוואוסט וועמען, פאַר וועֶ-
מען צו אָפּפערען. קײַן מענש בּעגרײַפט, וויפיִעל איִך האָבּ אין
דער שטיִל געליִטען. יאָהרען זענען פאָראיִבּער, אַז פאַר מײַנע
אויגען זאָל ניִשט פערשווינבּען דאָס בּיִלד פון מײַן פערלאָזטען יודיִש
קיִנד, בּיִז דער צופאַל האָט דיִך מיִך אַקעגען געפיִהרט אַלס
ערוואַקסענער מאַן. יעצט (קניִעט) יעקב, לאָז די זינדעריִן פאַר דיִר
קניִען, ווי פאַר איִהרען ריִכֿטער. זאָג אַרויס דײַן משפּט איִבּער
דײַן זינדיִגע מוטער, פערלאַנג פון מיִר דאָס שווערסטע אָפּפער
און איִך טהו אַלעס גערן, נאָר לאָז מיִך זײַן דײַן מאַמע! דו
בּיִזט דאָך אַ יודיִש קיִנד מיִט אַ יודיִש האַרץ, האָבּ רחמנות אויף
דײַן אונגליִקליִכֿער מוטער און זײַ איִהר מוחל, זײַ איִהר מוחל.
(קושט זײַנע הענד).

יעקב (נאָך אַ שטאַרקען קאַמפּף דריִקט ער זי צו צו׳ם האַרצען):
מוטער!

פּאָפּעסקאַ: זיסע הימלישע מוזיק איז מיר דיזעס
וואָרט מוטער פון דיינע ליפּען צו הערען.

יעקב (קושט זי): מיין אַרמע מוטער!

פּאָפּעסקאַ: ניין, נישט אָרים, די רייכסטע, די גליק־
ליכסטע מאַמע בין איך מיט אַזאַ קינד, ווי דו...

יעקב: און דאָך, מוטער, זיי געפּאַסט, אַזוי וויל עס דאָס
גרויזאַמע שיקזאַל. איינינע און צוואַנציג יאָהרע וואַרען מוטער
אונד קינד אויסאיינאַנדערגעריסען, און יעצט האָבען מיר זיך
ווידער געפונען, אָבער נאָר אום באַלד ווידער איינאַנדער צו־
פערליערען.

פּאָפּעסקאַ: וואָס זאָגסטו, מיין קינד? (מיט שרעק).

יעקב: מיר בלייבט קיין אַנדער אויסוועג ווי פון דאַנען
אויסצוואַנדערן.

פּאָפּעסקאַ (שרייט): ניין, ניין, יעצט ניט מעהר.
(מען הערט קלאַפּען אין טהיר).

יעקב: מוטער, פיליייכט דאַרפסטו יעצט אין הויז נישט
געזעהן ווערען?

פּאָפּעסקאַ (געהענד): קיין מאַכט אין דער וועלט וועט
מיך יעצט אַוועקרייסען פון מיין ניי-געפונענעם קינד, פון מיין יעקב.
(קושט איהם. אָב).

## אויפטריט וויקטאָר.

יעקב: וועלכער אונערוואַרטעטער גאַסט?

וויקטאָר: מיין הערר, איך קום יעצט צו איייך, ווי א
געשעפטס־מאַן צו'ם אַנדערען.

יעקב: מיט אייך, מיין הערר, האָב איך קיינע געשעפטען.

וויקטאָר: דאָך, איך קום יעצט, אום אייך איין פאָרשלאַג
צו מאַכען.

יעקב: און ווען איך בין נישט נייגיעריג איירע פאָרשלאַגען
צו הערען?

וויקטאָר: דו מוזט!

יעקב: איך מוז? ווי עס שיינט, פערגעסטו זיך, אז דו

געפֿינסט זיך בײַ מיר אין הויז, און איך קאָן דיר עבען זאָ צײַגען די טהיר, ווי דו האָסט מיר נעכטען געצײַגט.

ו ו י ק ט אָ ר: דאָס ווערסטו ניט וואגען, יודע! דענקע נאָר אַן די פֿאָלגען, וועלכע קאָנען פֿאַר דיר זעהר טרויעריג זײַן.

י ע ק ב: הערצלאָזער אונמענש! פֿאַרוואָס פֿערפֿאָלגסטו מיך אַזוי אונבאַרמהאַרציג, זאָגאַר ביז אין מײַן אייגענער היים פֿער־פֿאָלגט מיך דײַן ביטערער האַס און גיעט מיר קיין רוה. וואָרום?

ו ו י ק ט אָ ר (אויפֿגערעגט): ווי דו זעהסט בין איך געלאַסען, פֿאָלג דו אויך מײַן בײַשפּיעל און זײַ אויך געלאַסען. הײַס מיר פּלאַץ נעהמען און הער וועגען וואָס איך קום יעצט צו דיר.

י ע ק ב: בײַ אונז יודען איז די גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט הייליג, דו ביזט צוואַר מײַן פֿײַנד, דאָך ביזטו יעצט מײַן גאַסט. ביטע פּלאַץ נעהמען.

ו ו י ק ט אָ ר (שפּאָטיש): דאַנקע! (זעצט זיך).

י ע ק ב: יעצט לאָז הערען דעם צוועק פֿון דײַן אהערקומען.

ו ו י ק ט אָ ר: ערשט וויל איך דיר דאַרויף אויפֿמערקזאַם מאַכען, דאָס די פֿאַמיליע פּאַפּעסקאָ איז איינע פֿון די עדעלסטע און נאָבעלסטע אין רומעניען.

י ע ק ב: איך ווייס עס, איבערהויפּט דער עדעלסטער פֿון אַלע עדעלע ביזטו. דאָס האָסטו מיר שוין ניט איינמאָל בעוויזען. אַלזאָ, ווײַטער.

ו ו י ק ט אָ ר: אין אונזער פֿאַמיליע האָט אימער געהערשט פֿריעדען און האַרמאָניע. ביזטו פּלוצלונג געקומען און דו האָסט אונזער הויז צעשטערט. ביטע, הער מיך געלאַסען אויס.

י ע ק ב: גוט, איך בין געלאַסען.

ו ו י ק ט אָ ר: איך האָב נאָכגעדאַכט איבער אַ מיטעל, ווי אַזוי דו, אונזער פֿריעדענשטערער, ווי אַזוי דו קאָנסט וויעדער גוט מאַכען דאָס אונגליק, וואָס דו האָסט אין אונזער הויז געבראַכט.

י ע ק ב (איראָניש): ווי אַזוי איך זאָל וויעדער גוט מאַכען דאָס אונגליק. גוט, איך בין געלאַסען.

ו ו י ק ט אָ ר: איך פֿערלאַנג, אַז דו זאָלסט אונזער לאַנד,

אונזער רומעניען זאָ שנעלער אַלס מעגליך פֿערלאַסען, און צוואַר פֿיר אימער. (פּויזע).

י ע ק ב: חאַ—חאַ—חאַ! דאָס איז מערקווירדיג.

ו ו י ק ט אָ ר: וואָס איז מערקווירדיג?

י ע ק ב: אַז מיר ביידע זאָלען דאָך אַמאָל האָבען איינעם און דעם זעלבען געדאַנק, דען געסטערן נאָכדעם ווי איך האָב אייער הויז פֿערלאָזען, האָב איך באַלד איין ענטשלוס געפֿאַסט צו פֿערלאָזען דאָס זיסע פֿאַטערלאַנד רומעניען.

ו ו י ק ט אָ ר: אַלזאָ, אונזער רומעניען געפֿעלט דיר ניט? דעסטאָ בעסער, מאַך דאָס דו פֿערדיינסט, אָבער שנעל, פֿיליייכט פּרויבסטו אויף ריינזע-שפּעזען?

י ע ק ב: דאַנקע שען, איך ברויך ניט מעהר קיין געלד אויף ריינזע-שפּעזען.

ו ו י ק ט אָ ר: וואָרום?

י ע ק ב: ווייל איך בלייבע ווידער צוריק אין לאַנדע.

ו ו י ק ט אָ ר: האָסטו דען ניט ערשט געזאָגט, דאָס דו האָסט זיך געסטערן ענטשלאָסען?

י ע ק ב: יאַ, געסטערן האָב איך זאָ איין ענטשלוס געפֿאַסט, היינטע אָבער האָט מיר אַ געוויסע פּערזאָן געזאָגט, אַז איך האָב עס ניט נויטיג מעהר.

ו ו י ק ט אָ ר: איינע געוויסע פּערזאָן?

י ע ק ב: יאַ, איינע געוויסע פּערזאָן, און צוואַר קיינע אַנדערע אַלס אונזער מוטער.

ו ו י ק ט אָ ר: יודע, זיי פֿאָרזיכטיג מיט דיינע אויסדריקע. איך פֿערביטע דיר צו ווידערהאָלען דאָס וואָרט „אונזער מוטער", דען מיינע מוטער קאָן ניט אויך דיינע מוטער זיין.

י ע ק ב: איך בעט דיך טויזענד מאָל אום פֿערצייהונג, דאָס איך בין געבוירען געוואָרען פֿון דער זעלבער פֿרוי, וואָס דו ביזט געבוירען, און גלויב מיר, ווען די מוטער זאָל זיך געוועזען אין מיר אָנפֿרעגען, וואָלט איך איהר געענטפֿערט, בעסער ניט געבוירען ווערען, איידער צו בעקומען דיך פֿאַר אַ ברודער.

ו ו ִי ק ט אָ ר: יודעֶ, ווער גִיעט דִיר דאָס רעֶכט מִיך צו רופֶען ברודעֶר?

י ע ק ב: בעֶט אִיך דִיך נאָך אַמאָל אום פֶערצַייהונג. לַיידעֶר אֶנגעֶן מִיר געֶגעֶן אונזעֶרעֶן ווִילעֶן דאָך צוויי בּרִידעֶר, און אויב דו האָסט אַמאָל געֶלעֶזעֶן די בִּיבּעֶל, ווֶעסטו דאָרט געֶפִינעֶן אַזעֶלכעֶ אונפאַסעֶנדעֶ צוויי בּרִידעֶר ווִי מִיר זעֶנעֶן: יעקב און עשו.

ו ו ִי ק ט אָ ר: און אִיך ווִיעדעֶרהאָל עֶס דִיר, דאָס מאַדאַם פאָפעֶסקאַ מַיין מוטעֶר האָט אויפגעֶהעֶרט דַיינעֶ צו זַיין אִין דעֶם מאָמעֶנט, ווען זִי האָט דעֶם קרִיסטלִיכעֶן גלויבעֶן אַנעֶרקעֶנט.

י ע ק ב: ברודעֶר עשו! מַיין מוטעֶר האָט דעֶם קרִיסטלִיכעֶן גלויבעֶן נִיט אַנעֶרקעֶנט. צו'ס בעֶווַייז, דאָך אויך יעֶצט, נאָך אַיינִיגעֶ און צוואַנצִיג יאָהר, שלאָגט אִין דעֶר ברוסט פון מַיין מוטעֶר אַיין וואַהרעֶס יודעֶשעֶס האַרץ.

ו ו ִי ק ט אָ ר: יודעֶ! בּעֶלַיידִיג נִיט מַיין קרִיסטלִיכעֶ מוטעֶר!

י ע ק ב: דַיין קרִיסטלִיכעֶ מוטעֶר אִיז יעֶצט אִין דעֶם מאָמעֶנט בַּיי מִיר אִין מַיין יודִיש הויז. עֶרשט פאַר אַיינִיגעֶ מִינוטעֶן האָט זִי פאַר מִיר געֶקנִיהט און וואַר אִיבּעֶרגלִיקלִיך פון מִיר, אִיהר יודִיש קִינד, צו העֶרעֶן דאָס וואָרט מוטעֶר.

ו ו ִי ק ט אָ ר: צִיהעֶ צורִיק דַיינעֶ פעֶרדאַמטעֶ לִיגעֶ. מאַדאַם פאָפעֶסקאַ ווֶעט זִיך נִיע זאָ טִיעף עֶרנִידעֶרִיגעֶן.

י ע ק ב: און אִיהר יודִישעֶר זאָהן האָט זִי צו זַיין יודִישעֶן האַרצעֶן צוגעֶדרִיקט, און זִי געֶרופֶען מוטעֶר. דעֶן זִי אִיז און בלַייבּט אויך ווַייטעֶר מַיין יודִישעֶ מוטעֶר.

ו ו ִי ק ט אָ ר: יודעֶ! אַיינעֶר פון אונז בּייִדעֶ אִיז צופִיעל אויף דעֶר עֶרדעֶ. (האַפּט אַרויס דעֶם רעֶוואָלוועֶר. ראַנגלעֶן זִיך).

י ע ק ב: אונמעֶנש, ווִילסט אַ מאָרד בּעֶגעֶהן? (אִין דעֶר צַייט שִׁיסט אויס דעֶר רעֶוואָלוועֶר, ווִיקטאָר פאַלט טוידט).

## אויפטריט פאָפעֶסקאַ און דינה.

פ אָ פ עֶ ס ק אַ: וואָס אִיז דאָ געֶשעֶהן? אַלמעֶכטִיגעֶר גאָט!

ד י נ ה: וואָס אִיז געֶשעֶהן? וואָס האָסטו געֶטהון, יעקב?

י ע ק ב: שוידעֶרט אִיהר אַוועק פון מִיר? מוטעֶר, אַיינעֶ

לײַבֿע ליִעגט יעָצט פֿאַר דיִר, דײַן קריִסטליִבֿער זוהן, אָבער מײַנע הענד הויב איִך אויף צום היִמעל, און רוף גאָט פֿאַר אַנ׳עדות, אַז דיִ הענד זענען ריין פֿון פֿערגאָסענע בלוט. איִך בין קײן ברי־דער־מערדער, גלויב עם מיִר, מוטער!

ד י נ ה: יאָ, דײַן מוטער און דײַן דינה׳לע וועלען דאָס גלויבען, אָבער ווער נאָך?

## אויפטריט קאָמיסאַר.

ק אָ מ ִ י ס אַ ר: יאָ, ריִכֿטיִג, היִער איִזט איין מאָרד געשעהן! ווער איִז דיִעזען מאָרד בעגאַנגען?

פ אָ פ ע ס ק אַ (צײַגט דעם רעוואָלווער): זעהט איִהר דען ניִט ווער? איִך האָב איִהם ערמאָרדעט!

י ע ק ב: מוטער?!

ד י נ ה: מוטער!

ק אָ מ ִ י ס אַ ר: זיִ זיִנד מײַן געפֿאַנגענע! (געהט צו צו איִהר, ציִהט דעם זעבעל. פּאָזיִציאָן).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

# פיערטער אקט.

(אַ צימער בײַ למך'ן, דאָס זעלבע פון דעם צווייטען אקט.

משה שטעהט און פּאַקט די זאַכען זײַנע).

מ ש ה (רופט): סערקע! סערקעלע!

## אויפטריט סערקע.

ס ע ר ק ע: וואָס איז דאָס, משה'ניו? פאָהרסט טאַקע אַוועק? ווילסט מיך ניט פאָלגען נאָך אַבּיסעלע וואַרטען?

מ ש ה: עד מתי, בּיז וואַנען זאָל איך וואַרטען? דו זעהסט דאָך, אַז זי האַלט זיך שטאָהל און אײַזען אָן יענעם, און אויף מיר וויל זי אפילו ניט קוקען. וואָס־זשע ווילסטו, איך זאָל בּעקומען אַ צעבּראָכען הארץ? אוי!

ס ע ר ק ע: אוי זאָל זײַן אונזערע שונאים מיט מײַן שלימ־מזל אין איינעם. (שרײַט): למך! שוין פון צוויי שעה האָט ער זיך דאָרט אײַנגעשלאָסען אין איינעם מיט זײַן אײדים דעם חוצפּה'ניק, און וואָס זיי טהון דאָרט בּיידע, ווייס איך ניט. איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט און זיי עפענען ניט. (קוויטשעט) למך, וואָס טהוסטו דאָרט? צו דיר רעד איך! וואָס ענטפערסטו ניט שלימ־מזל מײַנם?

ל מ ך (פון אינוועניג): האָב צײַט, קליפּה!

ס ע ר ק ע: האָט זיך נאָר מיר אויסגעדאַכט, צי האָט מיך טאַקע ער גערופען קליפּה?

מ ש ה: עס האָט זיך דיר ניט אויסגעדאַכט, נאָר ער האָט דיך ממש אָנגערופען קליפּה.

ס ע ר ק ע: ווער האָט דאָס סערקעלען גערופען קליפּה? למך? קאָן איך דאָס מײַנע אויערען גלויבען? מײַדען דאָס איז ניט געווען למך.

מ ש ה: הקול... קול למך, דאָס קול איז געווען למך'ס, נאָר די חוצפּה איז ניט זײַנע. נאָר וואַרט, שוועסטער, האָסטו דען ערשט ניט געזאָגט, אַז ער איז פערשפּאַרט מיט איהם?

ס ע ר ק ע: יאָ, בּרודער'ניו, דו האָסט רעכט. דאָס האָט

ער מײַן למך'ן אַזױ איבערגעקערט. אױ אַז צעברעכען האָט ער געװאָלט זײַנע פּיס איבער...

## אױפטריט למך און הערמאַן.

למך (אױסגעפּוצט און אַ צילינדער): האַלט דעם פּיסק, אױ מײַן שטוב װיל איך ניט הערען קללות, שטיל זאָל זײַן!

סערקע: למך.

למך: סערקעלע! אַהער גײַה! באַלד װעלען מיר גײַהן צו אַ חתונה, און אױף דער חתונה בין איך אַ מחותן און אַן'אונטערפיהרער, און אַז איך בין אַן'אונטערפיהרער ביזטו דאָך אַן'אונטערפיהרערקע, גײַה־זשע שױן און טהו דיך אָן, אָבער מאַך ניט קײן צופיעל שהיות. דו הערסט װאָס איך רעד צו דיר? שױן זאָל איך דיך זעהן אָנגעטהון! (אַ טופּ מיט די פּיס): נו דו שטעהסט נאָך?

סערקע: און דו װילסט מיר אײַנרעדען, אַז דאָס איז מײַן למך? יודישע קינדער, מען האָט מיר איבערגעביטען מײַן מאַן.

## אױפטריט ראָזאַ (אױסגעפּוצט).

ראָזאַ: מזל טוב אײַך, רבי למך, מחותן און אונטערפיהרער, און מזל טוב דיר אױך מײַן הערמאַן, צװײטער אונטערפיהרער, און מזל טוב דיר אױך, מאמעניו. אָבער װאָס זעה איך, ביזט נאָך גאָר ניט אָנגעטהון? דו ביזט דאָך אַ מחותנס'טע און אַן'אונטערפיהרערין!

סערקע: ערשטענס, משה'ניו, איך בעט דיך, ניעב מיר אַ קניפּ אין דער האַנד, װאָרום. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אַלסדינג איז נאָר אַ חלום.

משה: מיר קומט עס אױך פאָר, װי אַ חלום, נישט געקלאַפּט־נישט געבלאָזען, און פּלוצים מחותנים.

סערקע: טאָכטער, דערצעהל מיר אױך, װאָס איז דאָ?

ראָזאַ: װאָס זאָל זײַן, מײַן הערמאַן זאָל לעבען איז פריהער אַהײם געקומען, און זאָגט מיט אײַלעניש: ראָזעלע, שנעל טהו דיך אָן, װײַל באַלד געהען מיר אױף אַ חתונה, בײַ װעלכער מיר

ביידע זענען אונטערפיהרער, און אזוי ווי מיין מאן זאל לעבען האט נאר אויסגערעדט, האב איך שוין אזוי געטהון, ווי ער האט מיר געהייסען.

ס ע ר ק ע: אזוי. ווי דיין מאן האט נאר אויסגערעדט, האסטו איהם באלד געפאלגט, און איהם גאר ניט פריהער איבערפרעגט וועה א חתונה, וואס א חתונה? ווי הייסט ער בעפעהלט דיר, וואס ביזטו עפעס זיינע א דיענסט?

ה ע ר מ א ן! ראזעלע, אהער צו מיר!

ר א ז ע ל ע; דא בין איך. מיין הערמאן!

ס ע ר ק ע: (וויינענד): א שענעם כבוד גיעבסטו אב דיין מאמען, אין מיט'ן דרינגען לאזטו מיך שטעהן און אנטלויפסט גאר פון מיר?

ר א ז א: זיי מיר מוחל, מאמעניו, דעם כבוד, וואס א קינד איז שולדיג א מאמען, וועל איך דיר שטענדיג אבגעבען, אבער ווערסטו נאר אנהויבען מיך צו לערנען, ווי אזוי לעבען מיט מיין מאן, וועל איך דיך איבערלאזען אין מיטען רעדען און באלד אוועקגעהן.

ל מ ך: אז זי וועט היינט ניט צעטראסקעט ווערען וועט זיין מיט נסים.

ה ע ר מ א ן: אזוי האב איך זי געלערנט צו טהון, ווען מיר האבען ביידע געשלאסען שלום. און גלויבט מיר, שוויגער, אז אייער קינד וועט פיעל גליקליכער זיין, ווען זי וועט פאלגען דעם לעהרער (ער ווייזט אויף זיך). איידער די לעהרערקע.

ל מ ך: א קוועטש מיט די אויגען. און די טרעהרען זענען דא.

ס ע ר ק ע (בעז): פון וועמען לאכען זיי, למך?

מ ש ה (געהט צו למ'ן און צו הערמאנען: זאגט מיר, איך בעט אייך. ביי וועמען איז די חתונה?

ה ע ר מ א ן: הא?...

ל מ ך: זי וויל ביי אונז אויסנארען! (משה בלייבט שטעהן אין א פאזע):

מ ש ה: איך זעה שוין, אז איך האב דא ניט וואס צו טהון!

איך פֿאָהר צוריק קײן בּיטשוטש און װעל חתונה האָבּען מיט אַבּיטשוטשעכֿע! (אָב).

ר אָ ז אַ: מאַמעניו, װילסט מיך פֿאָלגען? דײן מאַן הײסט זיך דיך אָנטהון. געה שוין און טהו דיך אָן.

ס ע ר ק ע: אַז אָנטהון זאָל מען איהם שוין אין װאָס איך װײס, װאָס הײסט איך זאָל מיך אָנטהון, װאָס הײסט איך בּין אַ מחותּנ'סטע? בּײ װעמען? װער האָט עס חתונה. אדרבּה זאָג עס מיר אויך!

ה ע ר מ אַ ן: איך הײס ניט, ראָזעלע.

ס ע ר ק ע: פֿאַרװאָס?

ה ע ר מ אַ ן: פֿרעגט אײער מאַן, דאָס דאַרף ער אײך זאָגען!

ס ע ר ק ע: אָבּער דו זעהסט דאָך, אַז ער ענטפֿערט מיר נישט.

ס ע ר ק ע (קװיטשעט): איך פֿרעג דאָך איהם יאָ.

ה ע ר מ אַ ן: נײן, דאָס הײסט נישט געפֿרעגט, נאָר גע=קװיטשעט, אַ נו פּרובּט נאָר און פֿרעגט איהם נאָר מיט אַזאַ טאָן, װי אײער טאָכֿטער האָט געפֿרעגט בּײ איהר מאַן. ראָזעלע, װײז דײן מאַמען, װי אַזױ אַ װײבּ דאַרף רעדען צו אַ מאַן.

ר אָ ז ע ל ע (גיעהט צו, זעצט זיך אויפֿ'ן שויס): װאָס האָסטו גע=זאָגט, ליעבּער הערמאַן? מיר זענען אינטערפֿיהרער? יאָ, טײערער הערמאַן, נאָר אויף שמחות זאָלען מיר שטענדיג בּײדע געהן. אָבּער זאָג מיר, ליעבּער הערמאַן, װער איז דען אײגענטליך דאָס גליקליכֿע פּאָרל, בּײ װעמען מיר זענען אונטערפֿיהרער?

ה ע ר מ אַ ן: האָט איהר עס געהערט, שװיגער?

ס ע ר ק ע: נו יאָ, די היהנער דאַרפֿען זיך לערנען בּײ די אײער...

ה ע ר מ אַ ן: מיט אַזאַ זיסען טאָן האָט מײן ראָזעלע איהר מאַן געפֿרעגט, און זעלבּסט פֿערשטענדליך האָט איהר מאַן מיט דעם זעלבּען טאָן איהר געענטפֿערט.

ס ע ר ק ע: נו װאָס=זשע האָסטו איהר געענטפֿערט? װער האָט עס חתונה?

לַמֶךְ: זי וויל בּײַ אונז אויסנאַרען.

הֶערמַאן: ראָזעלען האָט איהר מאַן געענטפערט, אײַך דאַרף אײַער מאַן ענטפערן, פרעגט איהם ווי אַ מענש, וועט ער אײַך ענטפערן, ווי אַ מענש, נישט אַזוי, רבי לַמֶךְ?

לַמֶךְ: אייגענטליך ... הם ... נאָר ווי זאָגט מען עס ... הם ... בקיצור ... זאָל מען פרעגען.

סֶערקֶע: מיר זענען אונטערפיהרער, האָסטו געזאָגט, לַמֶךְ?

הֶערמַאן: ליעבער לַמֶךְ.

סֶערקֶע (זיפצט): ליעבער לַמֶךְ! מיר זענען אונטערפיהרער האָסטו געזאָגט?

לַמֶךְ: אַזוי האָב איך געזאָגט!

סֶערקֶע (אַ קוויטש): אָבער וואָס הייסט מיר זענען אונטערפיהרערס! און דו זאָגסט ניט בּײַ וועמען?

הֶערמַאן: שוין ווידער אַ קוויטש!

סֶערקֶע (האַלב וויינענד): וואָס־זשע זאָל איך טהון, אַז איך בין אַנדערש ניט געוואוינט געוואָרען, נו קום אַהער, לַמֶךְ!

הֶערמַאן: ליעבער לַמֶךְ.

סֶערקֶע: אוי, אויף וואָס סערקעלע איז איבערגעקומען זאָג־זשע מיר, ליעבער לַמֶךְ, ווער איז דאָס גליקליכע פּאָרל. בּײַ וועמען מיר זענען אונטערפיהרערס?

לַמֶךְ: בּײַ וועמען מיר זענען אונטערפיהרערס, ווילסט וויסען האַ? (ער ווײַזט איהר אָן אויף זײַן שוים, אַז זי זאָל זיך זעצען).

סֶערקֶע: אוי איך שעם מיך!

לַמֶךְ: נו, קליפּה!

סֶערקֶע (זעצט זיך אויף זײַן שוים): ווער זענען עס די חתן כלה?

לַמֶךְ: ווער די חתן כלה איז ווילסטו, וויסען, האַ? אַז דו פרעגנסט מיך איז ניט מעהר ווי רעכט, איך זאָל דיר ענטפערן וועל איך דיר, אַוודאי וועל איך דיר ענטפערן, אָבער (וואַרפט זי אַראָב) פריהער טהו דיך אָן, און דערנאָך ערשט וועל איך עס דיר זאָגען, אָנטהון האָב איך געזאָגט! (אַ טופּ

מיט'ן פוס). אזוי האב איך בעשלאסען און אזוי וועט זיין.

ראזעלע: קום, איך וועל דיר העלפען זיך אנטהון, וועסטו שנעלער פערטיג ווערען (אב מיט איהר).

הערמאן: רבי למך, תלמיד מיינער! בראווא בראוויסימא חא, חא, חא!

למך: אוי רעבעניו מיינער (קושען זיך). דאנקען גאט, יעצט וועל איך מיין קינד פערזארגען, זי האט געוואלט זיין אמאמע, אוי אמאמע דאס מזל אויף איהר טאטען. (סצענע, ביידע אב שטאלץ).

---

# פערוואנדלונג.

(א גארטען, א חתונה. למך, סערקע, ראזא, הערמאן, דינה'לע אלס כלה, זיצען אויסגעפוצט, עס קומען אריין גראטולירען 4 ווייבער).

זינגען.

ווער עס מאכט א שמחה'לע, קומען מיר ווייבער צו געהן,
און אויף יעדע שמחה'לע שטעלען מיר זיך שען;
ווער עס מאכט א חתונה, טאנצען מיר אן א סוף,
דא איז היינט א חתונה, ווינשען מיר מזל טוב.
דער זיווג זאל גליקליך זיין, עס זאל זיין שען און פיין
איהר חתן-כלה האט גליק פיעל.
עלטערן נחת האט,
זייט נאר געבענשט פון גאט,
איהר האט יעצט ערייכט אייער ציעל. (בים).

מאלא: דו כלה, זאלסט ניט וויינען, דיין שמחה'לה בעשיינען קומען מיר שוועסטערל צו דיר.

צווייטע: מיט דיר מיין פריידע טייל איך נאר דיר, נאר דיר מאכען פרעהליך קומען מיר שוועסטערל צו דיר!

ד ר י ט ע: צוליעב דיר קומען מיר מאכען פרעהליך נאר דיר לוסטיג מונטער אן א שיעור.

א ל ע: שמחות, גאטעניו, שמחות נאר. שמחות גוטע זאל זיין ביי אונז יורען.

גאט, שטעל צופריעדען, אין דיין האנד ליעגט גליק און פרייד נאר אין לאנגע גוטע יאהר, דאס גיעב דאס יונגע פאר גוטע יאהר, דאס גיעב דאס יונגע פאר. (עלטערען נחת א. ז. וו.):

## אויפטריט פערשיעדענע געסט גראטולירען און זינגען:

כ א ר: מיט גליק מיט דער רעכטער פיס צו דער חופה קומט מיט גליק. אהיים צוריק, גאט זאל געבען, דיעזען פאר געזונד און לעבען לאנגע יאהר.
עס זאל זיין וואויל און זיס, נאר מיט דער רעכטער פוס.
יא, יא, יא, יא, ביס. (אלעם אב).

## אויפטריט פאפעסקא, יעקב און קאמיסאר.

פ א פ ע ס ק א: מיין הערצליכען דאנק, העדר קאמיסאר, די צערעמאניע וועט ניט לאנג דויערן און נאכהער בין איך וויטער אייער געפאנגענע.

ק א מ י ס א ר: מאדאם פאפעסקא, אייער וואונש בין איך נאכגעקומען און וועל געוויס ווארטען, ביז די צערמאניע וועט פאראיבערגעהן.

ק א מ י ס א ר: שען, אייער ביטע איז ביי מיר איין בעפעהל, (אב).

י ע ק ב: מוטער, דו ווייסט נישט וואס איך ליידע, צייט דו האסט מיינע שולד אויף דיר גענומען.

פ א פ ע ס ק א: שטיל, מען זאל דיך ניט דערהערען.

י ע ק ב: אבער איך וויל, מען זאל מיך יא הערען.

פ א פ ע ס ק א: קינד מיינס, ברעך נישט דיין שבועה, דו האסט געשווארען צו שווייגען.

יעקב: ווייל דו האסט מיך דערצו געצוואונגען, אבער מיין געוויסען גיעט מיר קיין רוהע. ערלויבע, מוטער, די גאנצע ווארהייט צו ענטדעקען. איך בין איבערצייגט דאס איך וועל באלד פריינגעשפראכען ווערען, דען עס וואר דאך איין אונגליקליכער צופאל.

פאפעסקא: יא, אבער בערענקע דיר, קינד מיינס, דען דער טויטער איז א קריסט, און דערצו איין פאפעסקא, און ווען דו זאלסט שטעהן אלס אנגעקלאגטער, דו איין יודע, ווילסטו פון רומענישען געריכט ערווארטען גערעכטיגקייט? איך דאנגען בין מאראם פאפעסקא. מיך בעהאנדעלט מען העפליך, דו האסט עס דאך געזעהן.

יעקב: דערוויל ביזטו פון דיינער פרייהייט בערויבט, דו װעלכער ביזט גאנץ אונשולדיג.

פאפעסקא: אונשולדיג אין דיזען פאל. אבער יענע שולד? אך.. (וואנקט, פאלט אויף א בענקעל).

יעקב: מוטער: גוטע ליעבע מוטער, (אין די קוליסען) די חופה שנעלער.

## אויפטריט אלעם: (מיט דער חופה).

מען שטעלט די חופה, מען פיהרט ארונטער חתן־כלה, דער חזן זינגט מי אדיר על הכל.

פאפעסקא: ווארטעט! שטעהנדיג דא אונטער דער חופה לעבען דיר, מיין יעקב, שוועבט פאר מיר פאר מיינע אויגען דער גייסט פון דיין טויטען פאטער יצחק! זיי מיר מוחל.

למך: חזן, מאכט איין אל מלא רחמים דעם חתן'ס פאטער זצ"ל רב יצחק... (דער חזן מאכט א אל מלא רחמים ביז את נשמת רב יצחק), פאפעסקא פאלט און שטארבט עס ווערט א געטומעל, מען נעהמט אוועק די חופה. יעקב פאלט צו צו דער מוטער עס ווערט אפאזע, נאכהער זינגט ער דאס וויעגע־ליעד: „עביג געדענקען זאלסטו דיין מוטערס ליעד". א. ז. וו. לאנגזאם.

(פארהאנג פאלט).

# אוי איז דאס א מאמע.

1.

אַנ'אַלטער אַלמן זעהר רײַך,
זײַן ווײַב איז ערשט 2 וואָכען טויט,
חאַטש ער האָט קינדער אַ סך
געהײַראַט האָט ער מיט אַ מויד.
און נאָך דער חתונה ברענגט ער אַרײַן
דאָס ווײַבעלע אין שטוב,
די קינדער רעדט דער אַלטער אײַן,
זי האָבען ווי אַ מאַמע ליעב.
די קינדער בלײַבען טרויעריג שטעהן
און זאָגען צו זיך אַלײַן:

(רעפּערײַן):

אוי איז דאָס אַ מאַמע
דאָס מזל אויף איהר טאַטען
די כפּרה מעג זי ווערען,
יאָ פאַר אַ גאַנצען פאָלק סאָלדאַטען.
דעם טאַטען, נאָך אַ ווײַב מאַכט פערגניגען.
קינדער נאָך אַ מאַמע איז שווער צו קריגען,
אוי איז דאָס אַ מאַמע, דאָס מזל אויף איהר טאַטען.

2.

אײַן אַלטע פרוי איז אין שטאָדט געווען,
גערופען האָט מען מאַמע זי;
מיט מײַדלעך לעגט זי נאָר אומגעהן,
און זיי פערשלעפּען דער רוח ווײַסט וואו.
בחורים, מענער פלעגען פליהען
צו איהר דאָרט אין אַ הינטער-גאַס
נאָר צו דער מאַמען פלעגט זיי ציהען

ווען געשטאָרבען איז די מאַמע צייטעל
נאָך געזאָגט האָט איהר דאָס גאַנצע שטעדטיל

(רעפּעריין):

אוי איז דאָס אַ מאַמע א. ז. וו.

---

I.

איך בין אַ ווייבעל זעהר אַ גוטע, ווי מיין באָבע זאָל זיך מיהען.
און האָט נאָר ווער צו מיר אַ ביטע — בין איך פערטיג באַלד צו טהון
דו מעגסט פערלאַנגען וואָס ניט איז, וואָס איז נאָר דאָ אין מיין הויז,
קום צו מיר דו פּוילסט געוויס, נאָר דאָס איינע נעהם איך אוים:

(רעפּעריין):

גוטער ברודער, ניט געחאַפּט, חאַפּען איז ניט גוט.
אַז דו וועסט חאַפּען, וועל איך קלאַפּען, ביז אין בלוט
וועסטו קריגען אָנגעקלאַפּט, אַז דער קאָפּ וועט דיר אַראָב
און וועסטו וויסען יונגער מאַן, אַז מען חאַפּט ברייהט מען זיך אָב.

II.

איך קען אַ מיידעל זעהר אַ שענע, אַ יונגען מאַן אַ גאַנצען מאַכער,
זי איז אַ שטילע, אַ פיינע, און ער אַ מאוס'ער דבר־אַחר
האָט זיך דאָס פּאָרל בעקענט, און ער קומט שוין צו איהר אַלע טאָג,
ער הייבט אָן קריכען מיט די הענד, זי גיעט איהם באַלד דעם פּסוק אזוי:

## III.

איך וואר אמאל אין שטוב אליין, קיינער איז נישט געוועזן דאן
איך זעהר עס קוקט זיך מיר אריין, א שעהנער הויבער יונגער מאן
אהין געקומען איז ער גיך, אנגעחאפט מיך ביי דער האנד,
און געזאגט צו מיר, איך ליעב נאר דיך, געזאגט האב איך איהם: יונגער מאן

## IV

איך האב א פריינדעל הייסט ער איציק, ער האט א ווייבעל זעהר שיין
זי איז ואויל, קלוג, און וויציג. נאר הער וואס מיט איהר איז געשעהן:
זי האט זיך אבגערעדט מיט א שארלאטאן, זי זאל אנט־לויפען פון איהר מאנם הויז,
זי וויל דאס טהון—קומט אן איהר מאן, חאפט ער דעם בחור און שרייט אוים.

56 מוסטערהאַפטע פאָסט-קאַרטען. יעדע פּאָסט-קאַרטע ענטהאַלט אין זיך איינע פון די בערימטעסטע פאָלקס-טעאַטער אָדער נאַציאָנאַל-ליעד אָדער דעקלאַמאַציע פון די בעסטע יודישע דיכטער, ווי ש. פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, א. גאָלדפאַדען, א. רייזען א. ז. וו. מיט נאָטען צום טעקסט, צום זינגען אָדער שפּיעלען פּיעדעל-פּיאַנאָ. די נאָטען זענען געפאַסט פון אַ בעוואוסטען מוזיקער. פּרייז צו 3 קאָפּ' פּער שטיק, פאַר אַלע 56 מוסטערן מיט אַמאָל 1.50 מיט פּאָרטאָ.

דאָס יודישע הערץ. אַ קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון י. לאַטיינער 30

## ספרים בשפת עבר.

סוכן המלך. או „יד ושם", ספור הסתוריה מאת ד"ר לעהמאַן, העתקה חפשית מאת א. צוקרמן 40

בת ציון. ספור מקורי מחיי היהודים ברוסיה. הוצאה רביעית, מאת א. צוקרמן 30

על חטא שחטאתי. ספור דובר פריעד 30

מלתעות כפירים. ספור רצח נורא, העתקת לוי זומלין 25

הצופה לבית יעקב. או משפט ארץ סטירא מאת א. ראָזענפעלד 40

אוצר שעשועים. קפוצת משחקים להטי הטבע, שאלות שונות וחידות לשעשע בבית ובבית הספר לקטנים ולגדולים, עם ציורים. מאת ישראל ליפסקי 25

המסחר. ספור זאַהאַר-מאַזאַה. תרגום ליפשיץ 10

ספורי שעשועים. ספורים שונים, חדות ושאלות שונות לקטנים ולגדולים. מאת י. ליפסקי 30

הממזר. מעולם המעשה מתחום מושב בני ישראל. מאת נ. וואלף 10

דקדוק שפת עבר. ושמוש הלשון בדרך פשוטה וקלה להלכה ולמעשה (אתימולוגיה וסנתקסיס) מאת מ. מ. קפלן, הוצאה שלישית מתוקנת 50

ליאון הרופא. ספור נ. אקסקוב, תרגום א. פינטשעווסקי 25

התלמוד. מתודה חדשה ללמוד הקריאה העברית עם שבעים וחמש ציורים 18

פון די אַלע פּרייזען בעקומען בוכהענדלער גרויס ראַבאַט.

די אַלע אויבגערעכענטע אויסגאַבען קאָן מען בעקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען, אויך אין הויפּט-פּערקויף.

Книж. магаз „Тушія", Налевки Иван. базар. для „Кунегъ" Варшав.

30686

הויפּט פערקויף אין בוכהאַנדלונג „תּישיה“ נאַלעווקי
איוואַ. באַזאַר „פיר קינסט“